opałta pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

לאדזשער פאלקסבלאט

№ 195 | Łódź, Niedziela 21 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י"ט מנחם אב תרצ"ב | № 195

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

Wszystkim tym, którzy tak licznie uczestniczyli w odprowadzeniu na miejsce wiecznego spoczynku zwłok drogiego nam i niezapomnianego

ś. p.

JULJUSZA ROBERTA

KINDERMANA

oraz wszystkim ofiarodawcom wieńców i kwiatów składa tą drogą serdeczne „Bóg zapłać"

Pogrążona w głębokim smutku

RODZINA

1967

זאל פילהארמאניע

20 נארוטאוויטש 20

דינסטאג, דעם 23-טען אויגוסט ה. י. 9 אווענד

גראנדיעזער יודישער פאלקס-קאנצערט

איינציגע פרוי אין דער וועלט אלס חזנ'טע

פאני רובינא

וועלכע האט זיך בעריהמט געמאכט אין ענגלאנד, זיד-אפריקע, פראנקרייך און אין בעלגיען מיט איהרע חזנ'ישע געזאנגען, וועט צום ערשטען מאל אין לאדז אויספיהרען א גלענצענדען פראגראם, וואס וועט בעשטעהן פון:

1) חזנ'יש
ובניחה יאמר
אלוהי נשמה
קדשינו
חזנ'ישע פאפורי

2) פאלקס-לידער
נייע קשיות
אברהם
לייבסע
דאס יודישע ליד
שמע ישראל

3) ראמאנסען
דאס ליד איז אויס.
שענק מיר גאט גליקעלע.
גרוסט מיין בעשערטע

מיט בעגלייטונג פון סימפאנישען ארקעסטער.

4) פאנטאזיע פון יודישע רעליגיעזע פאלקס-געזאנגען

אויסגעפיהרט דורכ'ן

לאדזער סימפאנישען ארקעסטער

אונטער דער לייטונג פון דיריגענט הערץ רובין.

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.

פאגראם=שרעק אין אלשאני

א פאלשער קלאנג ווענען א שטיין, וואס א יוד זאל האבען געווארפען אויף א רעליגיעזע פראצעסיע — הונדערטער אויפגערעגטע פויערים ווארפען זיך אויף די יודען פון שטעטעל — פאליציי האט פערהיטען פון א פאגראם — ווענען איודיש הויז, וואס געפינט זיך נעבען קלויסטער

ווילנא.

לעצטען מאנטאג, דעם 15 ה.ח. זענען פאר־געקומען ערנסטע געשעהענישען אין אלשאני, אורמיאנער קרייז.

דארט איז פארגעקומען א גרויסע רעליגיעזע פראצעסיע, אויף וועלכער מען האט געטראגען אלטע הייליגע בילדער פון דארטיגען קאשטשאל. אין דער פראצעסיע האבען זיך בעטייליגט גרויסע מאסען פויערים.

פלוצלינג איז געפאלען א שטיין. דער שטיין האט ריכטיג געטראפען דעם טרעגער פון בילד — פון הייליגסטען סאקראמענט.

עס האט זיך באלד פערשפרייט א קלאנג, אז דער שטיין איז געווארפען געווארען פון הויז פון דארטיגען יודען יצחק קאזלאווסקי מען האט באלד אפילו אנגעוויזען, אז איינער פון די יונגע יודען האט דעם שטיין געווארפען, מען האט אויך צוגעגעבען:

— „געוויס א קאמוניסט".

דער המון האט זיך א לאז געטון צום הויז פון יודען, ביז 500 פויערן האבען זיך דארט צו־גריסען און אנגעהויבען חרוב מאכען דאס הויז.

די ווענט האט מען צוריסען, די טירען פענסטער, ראמען—צובראכען. עס האט זיך באלד פערשפרייט צווישען די יודען פון שטעטעל א קלאנג, אז עס קומט פאר א פאגראם. עס האט אויסגעבראכען א פאניק. די שרעק פון די שטעטעלשע יודען איז געווען אזוי גרויס, אז ממש די גאנצע יודישע בעפעלקערונג האט זיך א הויב גע־טון און גענומען אין איין בהלה פערלאזען דאס שטעטעל.

עס איז אליאמירט געווארען די פאליציי. עס זענען ארפגעקומען 50 פאליציאנטען. די פא־ליציאנטען האבען ליקווירירט די מהומה און עט־ליכע פערזאן ארעסטירט.

די אויספארשונגס-מאכט האט זיך באלד גע־נומען דורכצופיהרען אנ'אויספארשונג. און איצט איז אין שטעטל רויהיג.

די ווילנער „סלאווא" שטעלט פאר די אלשאנער געשעהענישען אין אזא ליכט:

„פון א לענגערער צייט, דערציילט „סלאווא", בעמיהט זיך די אלשאנער קריסטליכע בעפעלקערונג בייד דער מאכט, ווענען בעזייטיגען דאס הויז פון אלשאנער יודישען איינוואוינער יצחק קאפעליא־וויטש, וועלכע געפינט זיך בשכנות פון קלויסטער, מחמת דאס יודישע הויז שטערט מיט די געשרייען און ליארמען די תפילות.

„צוליב דעם אבער וואס יודידיש האט מען גארנישט געקאנט טון, כדי דאס הויז צו בעזייטיגען האט מען מיט'ן דעם אייגענטימער פון הויז געגנו־מען פיהרען אונטערהאנדלונגען ווענען אפקויפען ביי איהם די שטוב, מען איז אבער נישט דורכגעקו־מען מיט'ן מקח. און דאס הויז איז ווייטער געבלי־בען אויף'ן זעלבען ארט.

„די קאטוילישע בעפעלקערונג, דערציילט ווייטער „סלאווא", — איז דערפון געווארען זייער אויפגערעגט אין די אויפרעגונג האט דערבראכט די טרויעריגע פאלגען דעם פעריגאנגע עם מאנטאג.

„אין דעם טאג, וועלכער איז אויסגעפאלען חגא זענען זיך אין אלשאן צונויפגעפאהרען א סך קריסטען אויף א פראצעסיע.

„נאך די תפילות אין דער פראצעסיע האט זיך צווישען עולם פערשפרייט א קלאנג, ווי ס'האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, נישט קיין ריכטיגער, אז פון קאפלאוויטשעס שטוב האט מען געווארפען שטיינער אין דער פראצעסיע.

„דער אויפגערעגטער המון האט זיך מיט קולות:

„פערניכטען די יודישע שטוב" געווארפען אויף קאפעלאוויטשעס הייזעל. אין מינוט איז א מתנה פון עטליכע הונדערט פערזאן, דער עיקר ווייבער ארומגערינגעלט דאס הויז און זיך געוואלט אריינבעקומען אינעווייניג.

„די פאמיליע קאפעלאוויטש איז זיך אין שרעק צולאפען קוים מיט'ן לעבען אויפ'ן מארק־פלאץ. און דער אויפגערעגטער המון האט גענומען חרוב מאכען דעם בנין.

„איידער די פאליציי האט בעוויזען צו קומען, זענען אייניגע ארויף אויפ'ן דאך פון הויז און גענומען פאנאנדערווארפען די דאכלקעס, אונטען האט מען ארויסגעריסען די טיהרען און די פענסטער.

„דער פאליציי איז קוים געלונגען צו בער רוהיגען דעם המון און פערהאלטען אייניגע אנטייל־נעמער אין די געשעהענישען.

יודישער הילפס=פעראיין „תומכי אורחים"

היינט, זונטאג, ד. 21=טען ד. ח. ווערט איינגעארדענט דורך דעם הילפס־פאריין „תומכי אורחים"

א גרויסע גארטען=פערוויילונג

מיט א אויסערגעוועהנליך רייך פראגראם.

עס וועט אויפטרעטען דער וועלט=בעריהמטער איטאליענישער אפערן=זינגער

גוסטאוו שמיידלער

צווישען אנדערע א גרויסע פאנטען=לאטעריע מיט ווערטפולע געווינסען -- שים=בודע -- קארוזעלע -- אנ'אייגענער כשר'ער בופעט

פארק העלענאוו

אין פאלגענדען פראגראם:
אריע „זשידובקא" אפערע הלוי
אריע „סטראשני דוואור" פון אפערע מאניושקא
אריע „אפריקאנא" פון אפערע מערבער.
סערענאדע Cumore-Canta פון ע. טאגליאפערי.
אריע „טאסקא" פון אפ. פוטשיני.
פריהמארגען מאטינאטא פון לעאנקאוואלא.
אריע „פאיאצי" אפ. לעאנקאוואלא
פאלקס-ליד „מנשה"
דאס יודישע ליד „עקבי".

בילעטען צום פרייז 50 גראשען און 1 זלאטע איז צו בעקומען היינט ביי דער קאסע אין „העלענאוו".

מיטוואך, דעם 24 אויגוסט 8.30 אוונעד קומט פאר א

רעליגיעזער געזעגנונגס=קאנצערט

פון וועלט=בעריהמטען אויבער־ראנטאר פון ווארשאווער סינאגאגע

משה קוסעוויצקי

מיט דער בעטייליגונג פון לאדזער סימפאנישען ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון סעווערין פיעטרושקא. ביים קלאוויר פר. ליכטערמאן=דאווידאוויטש.
פארפערקויף פון בילעטען: זעלמאנאוויטש, פיעטריקאווער 12 (קאנדיטאריי), וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 (קאנדיטאריי) און אין דער קאסע פון העלענאוו. מיידט אויס א געדראנג ביי דער קאסע און בעזארגט אייך מיט בילעטען אין פארפערקויף.

פראגראם:
לאל ברוך נעימות יתנו
כי לקח טוב נתתי לכם
עד הנה עזרנו רחמיך
אב הרחמים שוכי מרומים
שמעה ותשמח ציון
עקביא בן מהללאל
ומפני חטאינו, רצה
שיבנה בית המקדש
גלות-ליד
מנשה, מנשה
טאסקא (מיט'ן
זשידאווקא ארקעסטער)
פאיאצע

פארק העלענאוו
טראמוואיען-צופאהר 4 און 8.

אלע פלעצער צום פרייז 1.04 זל.

Z intencji uroczystości zaślubin

p. **Reginy Szlamowiczówny**

z p.

Majlechem Braunem

najserdeczniejsze życzenia składa

Tola Zylberberżanka.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען פריינד
איזראעל סאלעם
עדזשא נאפטאלאוויטש
ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען
סאמעק דייטשמאן און כלה,
מאניעק און יוסף ראזענבלום
און העניעק לעווקאוויטש.

7=קל. שול פאר מיידלעך „בית יעקב"
לאדז, שרודמיעסקא 32, טעל. 28=170

פערשרייבט אייערע טעכטער
אין די איינציגע רעליגיעזע שול פאר מעדלעך בית יעקב!

יודישע עלטערן!

בית יעקב איז די איינציגע רעליגיעזע שול אין לאדז וואס גיט אייערע טעכטער א אמת יודישע ערציהונג צוגלייך מיט א גענוגענדער מאס וועלטליכע בילדונג. אין קיין שום שול קאנען יודישע רעליגיעזע עלטערן אזוי נישט זיין זיכער אנצופער־טרויען זייער קינדס יודישע נשמה ווי נאר אין „בית יעקב" וואס שטעהט אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער בית יעקב צענטראלע אין קראקע און פון אגודת-ישראל אין לאדז.

די פארמיטאג און נאכמיטאג שולען

ווערען פערגרעסערט אין פעדאגאגישער הינזיכט. עס קומען צו נייע ערשטקלאסיגע לערן-קרעפטען סיי אויף למורי קודש און סיי אויף למודי חול. דאס יאהר ווערט „בית יעקב" ווערען א סך און פערפאלקאמט אין יעדער הינזיכט.

העכערע האנדעלס אוןווירטשאפטס=שולע

צום נייעם שול-יאהר עפענט „בית יעקב" א האנדעלס און ווירטשאפטס-שול, לוים'ן מוסטער פון אזעלכע שולען אין מערב-אייראפע. עס איז אנגאזשירט געווארען א ספעציעל פערסאנאל פאר די האנדעלס-שול פון אינלענדישע און אויסלענדישע פעדא-גאגישע קרעפטען.

אויך וועלען זיין טעטיג די פרעבעל-שולען און אוונט־קורסען מיט פערשטארקטע קרעפטען.

יודישע עלטערן פערזוימט זשע נישט! לאזט נישט פער־פרעמדט ווערען אייער קינד פון יודישקייט און גיט נישט איבער אייער קינד אין די הענד פון הפקר-שולען אדער דארט וואו עס איז נישטא קיין פעראנטווארטליכע השגחה! נאר אין בית יעקב וועט אייער קינד ערצויגען ווער'ן אלס אמת יודיש אינטעליגענט קינד! אויך די עלטערן וואס האבען לערנען קינדער הווען בע־פרייען די איינשרייבונגען.

איינשרייבונגען קומען פאר טעגליך אין דער שול-קאנצע־לאריע שרודמיעסקא 32 פון 12—2 נאכמיטאג און פון האלב 7 ביז 9 אוונד. די פרייזען זענען צוגענגליך!

קוראטאריום פון די בית=יעקב=שולען
אין לאדז, שרודמיעסקא 32.

4929

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 66 יאהר אונזער הייסגעליבטע מוטער, שוויגער־מוטער, גרויסמוטער, שוועסטער, שווענערין און טאנטע

נ"ע ביילה ווענינג (פון דער היים וויצענטאווסקא)

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, דעם 21 שרפיען, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז אלטשטאט 9, ווענען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

4978

באמבערג'ס

פענסיאנאט

„ŁODZIANKA" אין גלאוונא

איז בעקאנט מיט די 6 מאל אין טאג גוטע עסענס און אפרוה און פערוויילונגס-ארט. ענדע סעזאן זענען די פרייזען רעדוצירט. ביים קומען קיין גלאוונא לאזט אייך נישט איבעררעדען פון מענשען וועלכע האבען געוויסע צילען. אייער בגאזש ווערט איבערגענומען אין לאדז א הן געלד.

ערקונדיגען נאוואמיעסקא 4 ביי באמבערג

4916 (עקספעדיציע) טעלעפאן 10-245

נאך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 50 יאהר מיין הייסגעליבטער מאן, אונזער אונפערגעסליכער ברודער, שוואגער און אנקעל

ב"ע פנחס בוראט

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, דעם 21 אויגוסט 1932, 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פיעטריקאווער 92, ווענען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

זוך א שותף

מיט 200—300 דאלאר צו עפענען א געשעפט פון רעשטען, איז גרייט צו געבען געלדאויך אזוי פיל צו ערפאהרען אלעע 1. מאי 36, פראנט, 3. שט. וו. 20 פון 8—10 אוו.

מאַניפעסט צום יודישען פאָלק

פאָליטישע רעזאָלוציעס פון דער לעצטער זיצונג פון דער וועלט־קאָנפערענץ

גענף, (י. ט. א.) לויט׳ן פאָרשלאָג פון דער פּאָליטישער קאָמיסיע האָט די יודישע וועלט־קאָנ־פערענץ איינשטימיג אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציע:

דאָס יודישע פאָלק, וואָס איז זייט העכער 10 יאָהרהונדערטען צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, לעבט איבער אין די גלות לענדער בעזונ־דערס שווערע צייטען אין פּעריאָד פון אַלגעמיינעם פּאָליטישען, סאָציאַלען און עקאָנאָמישען קריזיס. נאָך׳ן איינפיהרען דורך דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע די עמאַנסיפּאַציע און גלייכבערעכטי־גונג פון יחיד איז אין רעזולטאַט פון די שנויים, וואָס זענען געקומען אַלס פּועל־יוצא פון דער וועלט־מלחמה, דאָס יודישע פאָלק אַנערקענט גע־וואָרען אַלס גלייך פאָלק מיט אַלע איבריגע פעל־קער און דערמיט איז פערפעסטיגט געוואָרען זיין אָנשפּרוך אויף נאַציאָנאַלען קיום, די יודען אין פיל לענדער שטעהען אָבער נאָך ווייט פון דער דורכפיהרונג פון דער פולער גלייכבערעכטיגונג. מחמת אין דער אדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק ווערט אָפט די גלייכבערעכטיגונג פון יודען אַנ׳אילוזאָרי־שע. די יודישע יוגענד ווערט סיסטעמאַטיש בעזייטיגט פון די בילדונגס־קוואַלען דורך דער איינפיהרונג פון בעגרענצונגען, וואָס שטעהען אין סתירה מיט׳ן געזעץ. דעם יוד ווערט אָפּגעזאָגט דאָס אייגענע רעכט אויף אַרבייט אין שטאָט און אויפ׳ן לאַנד מען דער־אַזט זי נישט צו דער ווירטשאַפטליכער אויסשיכפונג. דער יודישער האַנדווערקער און קליי־נער איגטערנעהמער ווערט נישט צוגעלאָזען צו דער קאָנקורענץ אין געביט פון זיין בערוף און אַרבייט. אין איינינע לענדער ווערט דער יוד זאָ־גאַר בעגרעניצט אין זיין רעכט צו געניסען פון גלייכע שיך פון זיין עהרע, לעבען און פערמעגען. חוץ דער דאָזיגער פאַקטישער אָפּשאַפונג פון דער גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער מינדערהייט בעווייזען זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר טענדענצען אין פערשידענע לענדער צו בעזייטיגען אויך אויפ׳ן וועג פון געזעץ די יודישע גלייכבערעכטיגונג, שטעלען די יודען אין אַנ׳אויסנאַהם־צושטאַנד און זיי ענטאייגנען. אין עקאָנאָמישען געביט געהט צו־זאַמען מיט׳ן ווירטשאַפטליכען קריזיס געגען די יו־דען אַ פלאַנמעסיגע עקסטערמינאַציע אויף אַלע גע־ביטען פון זייער אַרבייט — און דאָס הן אין דער פּריוואַט־ווירטשאַפט, הן בעת דער מאָנאָפּאָליזאַציע פון פערשידענע עקאָנאָמישע צווייגען. אין איינינע לענדער ווערט דער יוד נישט צוגעלאָזען צו גייס־טיגער און קינסטלערישער שאַפונג. אונטער׳ן איינ־פלוס פון די דאָזיגע טענדענצען האָט דער אַלגע־מיינער קריזיס פערשאַרפט די לאַגע פון יודען אין די גלות־לענדער. ער האָט אויך גורם געווען די פּערא־ימונג פון יענע דינגע שיכטען און נישט צאָהלרייכע יודישע קבוצים, וועמענס לאַגע איז נאָך ביז נישט לאַנג געווען אַ גינסטיגע. די יודישע מאַסען געפינען זיך אין אַנ׳אונגעהייערער נויט, אויסגעשטעלט אויף הונגער און פּיין.

די געזעצליך גאַראַנטירטע יודישע רעכט אויף אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנאַל לעבען אין געביט פון קולטור און ערציהונג ווערען נישט ערעאַליזירט. צעהנער־טויזענדער יודען ווערען היימ־לאָז מחמת דעם, וואָס מען אַנערקענט זיי קיין ייִדישע רעכט אין לענדער, וואו זיי און זייערע אבות האָבען געלעבט זייט יאָהרהונדערטען, מחמת דער בעשטימונג פון נייע פּאָליטישע גרענעצען אין איינינע לענדער אין רעזולטאַט פון דער וועלט מלחמה.

אין די דאָזיגע בעדינגונגען האָט זיך אין פערשידענע גלות־לענדער פונאַנדערגעפלאַקערט אַ בעוועגונג פון אונגעצוימטער האַס־פּראָפּאַגאַנדע געגען אַלץ, וואָס איז יודיש און וואָס בעשטרעבט צו פערטיליגען און אויסראָטען דאָס יודענטום. די שנאה און גוואַלדטאַטען שענדען אפילו בית־עלמינס וואָס זענען געהייליגט ביי אַלע פעלקער. עס זע־נען נישט פריי פון דער האַס־פּראָפּאַגאַנדע זאָגאַר אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבען אויך געליטען פון גורל פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

אין די ציוויליזירטע געמיינשאַפטען איז עס אַ גרונד־כלל, אַז די גלייכבערעכטיגונגס־פאָדע־רונגען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען שטיצען זיך אויף די עיקר־יסודות פון ציוויליזאַציע און קולטור. אַזוי אַרום בעדראָהט די דאָזיגע אָנגע־צוימטע פערשפּרייטונג און טאָלערירונג פון דער האַס־פּראָפּאַגאַנדע די יסודות פון די ציוויליזירטע געזעלשאַפטען.

די אין גענף פערזאַמעלטע פאָרשטעהער פון יודישען פאָלק, לויטעם פון די עלטסטע קולטור־פעלקער אויף דער ערד, וואָס האָט דורכגעלעבט דורות פון די שרעקליכסטע פערפאָלגונגען און גזירות און האָט דאָך נישט פערלוירען זיין גלויבען אין נצחון פון דער אידעע פון נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען יושר, הויבען אויף זייער פּראָטעסט גע־גען דעם צוריקקעהר צו דער אידעע פון העררשאַפט פון דער רויהער קראַפט און פון דער ריקזיכטסלאָזער בעהערשונג פון שוואַכען דורכ׳ן שטאַרקען. זיי הויבען אויף זייער פּראָטעסט געגען די אַנטי־יודישע אַנגריפען, וואָס שטרעבען אומצוברענגען די יודען, און געגען די טאָלערירונג פון דער אָפענער און פערבאָרגענער אונטערשטיקונג.

יעדעס פאָלק בעשטימט אַליין זיין גורל. אויך דאָס יודישע פאָלק וועט בעקומען דאָס ווירקזאַמע געוועהר פון זיין פערטיידיגונג און בעפרייאונג ערשט נאָכ׳ן דערגרייכען די פּאָליטישע אומאָב־העגגיגקייט. בלויז אַ יודיש פאָלק, וואָס האָט דאָס בעוואוסטזיין פון זיינע וויטאַלע קרעפטען, וועט געפינען די אונטערשטיצונג פון דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט. אין דער אָרגאַניזירונג פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון יודישען פאָלק צום יודי־שען וועלט־קאָנגרעס זעהען מיר איין אַנ׳ענטשי־דענדען שריט אויף דעם וועג.

גענף. (יט״א) נאָכ׳ן אָננעהמען די רעזאָלוציע און דעם מאַניפעסט דורך דער יודישער וועלט קאָנפערענץ האָט ד״ר סטיפען וויז געהאַלטען אַ שלוס־רעדע, אין וועלכער ער האָט זיך געווענדעט צו די פערזאַמעלטע מיט אַ הייסען אַפּעל צו אחדות, אַוועקלעגען אָן אַ זייט די פּאַרטייאישע מחלוקת׳ן, כדי צו ראַטעווען די גרויסע זאַך פון יודישען פאָלק. רעדענדיג וועגען ארץ־ישראל, האָט ד״ר וויז גע־זאָגט, אַז הגם א״י איז בלויז אַ פראַגמענט פון דער יודישער פאָלקס־אַרבייט, דאָך בילדעט זי דאָס האַרץ און נשמה פון יודישען לעבען. ד״ר וויז דריקט אויס די צופרידענהייט, צוליב דעם הויכען ניוואָ, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען די בעראַטונגען און די דעבאַטען פון דער קאָנפערענץ, וועלכע האָ־בען בעוויזען, אַז יודען זענען נישט ווייניגער פון יעדער אַנדער ציוויליזירט פאָלק פעהיג צו פיהרען אַנ׳אייגענעם פּאַרלאַמענט. בעזיהרענדיג לסוף די לאַגע פון די דייטשע יודען, האָט ד״ר וויז אויס־גערופען, אַז דער איינציגער ענטפער אויף „יודא פער רעקע״ איז: דאָס אייביגע יודען־פאָלק וועט איבער־לעבען זייערע פייניגער!

נאָך דער רעדע פון ד״ר וויז האָט ה׳ לעאָ מאָצקין ערקלערט די יודישע וועלט־קאָנפערענץ פאַר געשלאָסען.

די קאָנפערענץ האָט בעשלאָסען, אַז דאָס צענטראַל־ביוראָ פון דער עקזעקוטיווע פאַר׳ן פאַר־שטעהענדען יודישען וועלט־קאָנגרעס וועט האָבען זיין זיץ־אָרט אין ניו־יאָרק מיט אַ צווייג־ביוראָ אין בערלין.

צו דער עקזעקוטיווע געהערען צוו. אנד. ד״ר סטעפען וויז, ב. צוקערמאַן, ריכטער יוליאַן מעק, ד״ר יוסף טענענבוים, אב. גאָלדבערג, מאיר דיזענגאָף, ד״ר קריינין, מ. יאַכעלמאַן, אַ פאָרשטע־הער פון ועד־הלאומי און צוויי פאָרשטעהער פון די יודישע אַרבייטער־פּאַרטייען.

גענף, 20 (יט״א)

דער אינטערנאַציאָנאַלער קלוב אין גענף האָט איינגעאָרדענט אַנ׳אויפנאַהמע פאַר דר. סטיפען וויז, וועלכער האָט געהאַלטען אַנ׳איינדרוקספולע רעדע געגען דעם אַנטיסעמיטיזם.

דער עקזעקוטיוו פון דער אַלוועלט־ליכער יודישער קאָנפערענץ

גענף, 20 (יט״א טעלעגראַפיש)

דער בעשטאַנד פון דער עקזעקוטיוו, וואָס איז געוועהלט געוואָרען אויף דער אַלוועלטליכער יודישער קאָנפערענץ אין גענף, וועלכע דאַרף צו־גרייטען דעם אַלוועלטליכען יודישען קאָנגרעס אויפ׳ן יאָהר 1934 איז פאָלגענדער:

ראַב. סטיפען וויז, בערנאַרד דויטש, טענע־בוים, צוקערמאַן, יוליאַן מעק, דיזענהאָף, מאיר עבנער, נחום גאָלדמאַן, יצחק גרינבוים, שפּרויקין, קארעצקי, מ. מאַרגוליעס. לעאָ מאָצקין, ד״ר נוראָק, ראָזמאַרין, ראָבערט שטריקער, קריינין און יאַ־כעלסאָן.

אַ חוץ די דערמאָנטע 18 מיטגלידער זענען אין דער עקזעקוטיוו רעזערווירט געוואָרען 2 פּלע־צער: פאַרן ועד הלאומי און פאַר אַ פאָרשטעהער פון די אַרבייטער־פּאַרטייען.

* * *

גענף, 20 (י.ט.אַ. טעלעגראַפיש)

די געוועהלטע עקזעקוטיוו, האָט אָפּגעהאַל־טען די ערשטע זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז בע־שלאָסען געוואָרען, גלייך צוזוטרעטען צו דער אַר־בייט. די אָרגאַניזאַטאָרישע צוגרייטונגס־אַרבייטען צום אַלוועלטליכען יודישען קאָנגרעס, וועלען זיך אָנהייבען אין אָקטאָבער. אין יעדען לאַנד וועלען געגרינדעט ווערען בעזונדערע קאָנגרעס־קאָמיטעטען.

די לויה פון דער פּרעזידענטין

וואַרשאַ, 20 (טעלעפאָניש)

דער טויטער קערפּער פון דער פערשטאָר־בענער פּרעזידענטין האָט זיך פרייטאָג אַ גאַנצען טאָג געפונען אין שלאָס קאָפּליצע אויף אַ הויכען קאַטאַפאַלק בעלייגט מיט בלומען און קרענץ. ביים אריינגאַנג אין קאָפּליצע איז געשטאַנען אַ עהרען־וואַך. עס העגגען איבערן שלאָס שוואַרצע פאָהנער, אויף די לאָמפּען זענען געהילט אין שוואַרצען.

אויף דעם גאָטעס דינסט זענען געווען דער פּרעזידענט, דער פּרעמיער פּריסטאָר, מאַרשאַלעק פון סיים שוויטאַלסקי, מאַרשאַלעק פון סענאַט ראַטשקעוויטש, ביסקופּ קוביגא א. אַנ.

פון 10 פריה זענען געקומען פיל מענשען פערביי צוגיין דעם אָרון פון דער געשטאָרבענער.

וואַרשאַ, 20 (טעלעפאָניש)

שבת איז פאָרגעקומען די לויה פון דער פערשטאָרבענער פרוי פון מלוכה־פּרעזידענט מאָש־ציצקי.

אין דער קאַטעדראַ שוו. יאַנסקע איז 10 אַ זייגער פאָרגעקומען אַ טרויער־גאָטעס־דינסט.

נאָכדעם איז פאָרגעקומען די לויה צום צמענטאַזש. אַ חוץ אַ גרויסער עולם האָבען זיך בעטייליגט פאָרשטעהער פון סיים, סענאַט און רעגירונג. אויך דעלעגאַציעס פון דער יודישער קהלה, יודישע האַנדווערקער, סוחרים - פעראיינען און חסד של אמת.

וואַרשאַ, 20 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) פון דער גאַנצער וועלט קומען אָן מיטגעפיהל־דעפּעשען צום מלוכה־פּרעזידענט צוליבען טויט פון זיין פרוי.

מאַרשאַל פּילסודסקי אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 20 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט)

5,50 פריה איז געקומען קיין וואַרשאַ מאַר־שאַל פּילסודסקי, וועלכער האָט זיך בעטייליגט אין טרויער־גאָטעסדינסט אין דער קאַטעדרע צוליב׳ן טויט פון דער פּרעזידענטין.

שפּעטער איז מאַרשאַל פּילסודסקי געווען אין שלאָס ביים מלוכה־פּרעזידענט, דער בעזוך האָט געטראָגען אַ פערזענליכען כאַראַקטער.

היינט זונטאָג וועט מאַרש. פּילסודסקי נאָך פערברענגען אין וואַרשאַ.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

זונטאָג, דעם 21 אויגוסט

9 טראַנסמיסיע פון ווילנע. 9,45 רעליגיעזע מוזיק, 10,15 טראַנסמיסיע פון וואַרשאַווער פּליה־פּלאַץ, 10,55 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט, 11 טראַנסמיסיע פון זאַלצבורג, 12,50 טראַנסמיסיע פון קראָקאָ, 1 רעפעראַט, 1,15 מוזיק, 1,50 טראַנס מיסיע פון קראָקאָ, 3,15 קאָנצערט, 3,40 ראַדיאָ־וואָך פאַר יוגענד, 3,55 פעליעטאָן, 4,05 גראַמאָ־פאָן־פּליטעז, 4,45 אינטערעסאַנטע ידיעות, 5,00 אָפּערען־מוזיק, 6 פעליעטאָן, 6,20 טראַנסמיסיע פון טשעכאָטשינעק, 7,10 פערשידענעס, 7,30 קאָמוני־קאַט, 7,35 פּאָסט־קעסטעל, 7,50 ספּאָרט־ידיעות פון לאָדז, 8 אָווענד־קאָנצערט פון דער וואַרשאַווער „פילהאַרמאָניע״ בעת דער פּויזע, ליטעראַרישע פערטעלשעה, 9,50 ספּאָרט־ידיעות פון דער פּראָ־ווינץ און פון וואַרשאַ, 10 טאַנץ־מוזיק, 10,40 מעטעאָראָלאָגישער קאָמוניקאַט פאַר לופטפליה־קאָ־מוניקאַציע, 10,45 ספּאָרט־ידיעות פון וואַרשאַ. 10,50 טאַנץ־מוזיק.

פּראָפ. פּיקאַר וועט פליהען צום דריטען מאָל אין דער סטראַטאָספערע

מילאַן, 20 (ספּ.)

בעת פּראָפ. פּיקאַר האָט זיך אַראָפּגעלאָזען מיט זיין באַלאָן זענען אויפ׳ן פעלד געווען פער־זאַמעלט פיל טויזענדער מענשען, וועלכע האָבען דעם פּראָפ. פּיקאַר און זיינע בעגלייטער ענטוזי־יאַסטיש בעגריסט.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן האָט דער באַלאָן דערגרייכט די הויכקייט פון 21 טויזענד מעטער.

רוים, 20 (ספּ.)

פּיקאַרס גאָנדאָלע האָט ביים אַראָפּלאָזען זיך, אָנגעקלאַפּט זיך אין אַ באַרג. זי איז אָבער נישט בעשעדיגט געוואָרען. פּיקאַר זעהט אויס אויסגע־מוטשעט, ער איז זייער צופרידען פון זיין רייזע, וועל־כע האָט זיך איהם פולשטענדיג איינגעגעבען. די אָבסערוואַציע־אינסטרומענטען, וועלכע ער האָט מיט גענומען מיט זיך, האָבען זייער גוט פונקציאָנירט.

רוים, 20 (ספּ.)

פּראָפ. פּיקאַר האָט דערקלערט, אַז שוין נאָך די ערשטע 3 שעה האָט ער זיך געפונען אויף אַ הויך פון 16500 מעטער. ער קאָן מיט אַ רוהיגען געוויסען זאָגען, אַז ער איז געפלויגען אויף אַ הויך פון 71000 מעטער, אין דער הויך — האָט געזאָגט פּראָפ. פּיקאַר — איז נישט אַזוי אָנגענעם, ווי מען מיינט. די קעלט דערגרייכט 55 גראַד. דער הימעל איז נישט בלוי, נאָר זייער טונקעל. אין משך פון צוויי שעה איז דער באַלאָן געשטאַנען אומבעוועגליך און נישט גערוהרט זיך פון אָרט. די קעלט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט נישט געקאָנט ריהרען מיט די פינגער.

רוים, 20 (ספּ.)

דאָס אַראָפּלאָזען זיך פון באַלאָן איז פאָר־געקומען זעהר שווער. 5 פויערען זענען נאָכגעלאָפען און געוואָלט אָנכאַפּען די שטריק, וואָס פּראָפ. פּי־קאַר האָט אַרויסגעלאָזען. עס איז געווען אַ שטאַרקער ווינד. ווען די פויערים האָבען אָנגעכאַפּט די שטריק, זענען זיי מיטגעריסען געוואָרען און זיך אויפגעהויבען אין דער לופטען. מיט גרויסע שוועריגקייטען האָבען זיי זיך אַראָפּגעלאָזען.

דער באַלאָן איז אַראָפּ זייער האַסטיג. אַלע, וואָס זענען געווען אויפ׳ן פּלאַץ זע עז געווען זיכער, אַז עס איז געשעהען אַ קאַטאַסטראָפע. ווען מען האָט געזעהען, אַז פּראָפ. פּיקאַר און זיינע בעגלייטער גייען אַרויס פון דער גאָנדאָלע, איז די שמחה גע־ווען אומגעהויער.

רוים, 20 (ספּ.)

די צייטונג „מעסאַדזשעראָ״ טיילט מיט, אַז פּראָפ. פּיקאַר האָט דערקלערט, אַז ער וועט איי־ניגען צום דריטען מאָל פליהען אין דער סטראַ־טאָספערע. דאָס מאָל וועט ער אָפּפליהען פון קאַנאַדע, באָהענט פון דעם אַזוי גערופענעם „מאַגנעטישען פּאָליוס״.

„יבנה״
41 צעגעלניאַנאַ 41, טעל. 134־13
די לייטונג פון דער שולע מעלדעט, אַז איינשרייבונגען אין אַלע קלאַסען, ווי אויך אין דער פּרעבעל־שולע ווערען אָנגע־נומען אין דער קאַנצעלאַריע פון זונטאָג, דעם 31 אויגוסט 1932 יעדען טאָג פון 10—2 בייטאָג.
4889

שייטלען
— מיט —
פאַריזער שרינדען
ווי אויך
פערטיגע שייטלען
ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט
אין אַנדולאַציע
צו ביליגע פּרייזען
ביי קערש,
סקווערנאַ 15.

פאַר גאָלד, ביזשוטעריע און לאָמבאַרד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
אַליזדאַרפיאַ לקאַ, פּיעטריקאָווער 7

Dr. Wajnberg
ספּעציאַליסט פון האַרץ־ און לונגען־קראַנקהייטען
ציגעל־גאַס 11, טעל. 126־02
נעמט אָן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אָווענד.

ביליגער ווי איבעראַל
גוטער וויין גוטער
צו רעם ביליגסטען פּרייז
פון 65 גר. אַ פערטעל ליטער
בעקומט מען ביי דער לאַנגיעהריגער בעוו. פירמע
ע. שיקער
פּולנאַצנאַ 1, טעל. 107־84

לאדז. 21 אויגוסט 1932

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 21 אויגוסט 1932

געקומען צו א פערשטענדיגונג

אין די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען פוילען און דאנציג, וועלכע זענען אין די לעצטע צייט געוועזען ביז גאר אנגעשטרענגט, איז גאר אונגעריכט איינגעטראטען א וויכטיגע ענדערונג און דערלייכטערונג. צווישען פוילען און דער פריישטאט איז געשלאסען געווארען אן'אפמאך, וואס וועט ארייננברענגען א געזונטע און געוואונשענע אטמאספער פאר ביידע צדדים.

די פערשטענדיגונג איז נוגע צוויי־ערליי ענינים: ערשטענס, די ווירטשאפטליכע בעציהונגען צווייטענס, דער רעגולירונג פון פערקעהר פון פוילישע קריגס־שיפען אין דאנציגער האפען. בנוגע דעם ווירטשאפטליכען געביט האט זיך דער דאנציגער סענאט פערפליכטעט אויף זיין טעריטאריע אנטקעגענצווווירקען יעטוועדער ווירטשאפטליכער פראפאגאנדע, וואס איז געווענדעט געגען פוילישע אונטערנעמונגען און געגען סחורות, וואס ווערען אימפארטירט פון פוילען. אויך אויסצונוצען זיין אויטאריטעט, כדי נישט צו דערלאזען צו פיינדליכע דעמאנסטראציעס געגען פאלאקן אדער פוילישע בירגער. די זעלבע פערפליכטונג בנוגע דאנציג האט אויך געגעבען דער פארשטעהער פון פוילען.

די וויכטיגקייט פון דעם אפמאך און זיין בעדייטונג איז איבריג אויפצוקלערען. זייט עטליכע חדשים האבען זיך די בעציהונגען צווישען פוילען און דער פריישטאט פערערגערט מיט יעדען טאג. מצד דאנציג זענען טעגליך געגאנגען פראוואקאציעס פון די היטלעראוצעס און די דאנציגער סענאט האט גארנישט געגען דעם געטון. דאס האט ארויסגערופען א רעאקציע מצד פוילען אין דער פארם פון באיקאט געגען דאנציג און די ערטער, וואס געהערען צו דעם געביט פון דער פריישטאט (ווי צאפאט, אליווא), דעמאנסטראציעס אין גדיניע, קלאגען וועגען מיליטערישע הכנות א. א. עהנליכע ערשיינונגען, וואס האבען געשאפען א שווערע אטמאספער אין דאזיגען דעליקאטען ווינקעל פון אייראפע.

געדאכט האט זיך, אז ס'איז גארנישטא קיין מעגליכקייט די צדדים אויסצוגלייכען, אז די רייבונגען מוזען דערפיהרען צו אן'ערנסטען קאנפליקט, בפרט, ווייל די העץ־פרעסע האט אויסגענוצט דעם אנגעקליבענעם שטאף, די אונאויפהערליך צו רייצען די געמיטער. און פלוצים איז געקומען די פערשטענדיגונג. דער פאקט רופט ארויס א בערעכטיגטע פערוואונדערונג. פון וואנען האט געזאלט קומען א פערשטענדיגונג אין א מאמענט, ווען די היטלעראוצעס שטעהען אזוי נאהענט צו דער מאכט, ווען היטלער פאדערט פון הינדענבורגן עס זאל איהם איבערגעגעבען ווערען אין דייטשלאנד אזא מאכט, ווי די, פון וועלכער מוסאליני געניסט אין איטאליען, און דאנציג איז דאך, ווי בעקאנט, שטארק אונטערן איינפלוס פון די היטלער־לייט.

געשעהן איז דאס צוליב עטליכע וויכטיגע טעמים, און דער ערשטער טעם איז דאס, וואס דאנציג לעבט דורך א שווערען עקאנאמישען קריזיס. דאנציג איז אויסערגעוועהנליך אנגעוויזען אויף פוילען. די אפהענגיגקייט איז אזוי גרויס, אז פוילען דארף אייגענטליך נישט מאכען קיין שום פיינדליכע דעמאנסטראציעס געגען דאנציג, פאר פוילען איז גענוג געדולדיג אפצווארטען ביז עס וועלען רייף ווערען די ווירטשאפטליכע פאלגען פון די געשטערטע בעציהונגען, פון באיקאט א.א.וו. די ווירטשאפטליכע ספערען פון דאנציג מוזען פערשטעהען, אז נישט דורך דער וואהנזיניגער טאקטיק פון די היטלעריסטישע כוליגאנעס וועלען זיי קאנען אויפהאלטען זייער עקאנאמישע עקזיסטענץ.

דער צווייטער מאמענט, וועלכער האט געווירקט, אז עס זאל קאנען קומען צו א פערשטענדיגונג, איז די פערמיטלונג פון דעלעגאט פון פעלקער־בונד העלמער ראסטינג. זיין איניציאטיוו האט מען צו פערדאנקען, וואס עס איז געקומען צו די אונטערהאנדלונגען צווישען די פארטנערען. ער האט אויך געווירקט דערויף, אז די אונטערהאנדלונגען זאל דערפיהרט ווערען צו א גינסטיגען סוף. ווען מען נעהמט אין אכט די פערביסענקייט פון די צדדים, ווען מען פערשטעהט ווי אפצושאצען די ארבייט פון פעלקער־בונד־דעלעגאט. און דאס בעווייזט, אז דער פעלקער־בונד, ווי סקעפטיש מען זאל זיך נישט בעציהען צו איהם, האט דאך א ווערט און א בעדייטונג און קאן שפילען א גרויסע ראלע ביים לינדערען קאנפליקטען און איינשטעלען בעסערע בעציהונגען צווישען צוקריגטע לענדער.

די פערשטענדיגונג צווישען פוילען און דאנציג וועט אויפגענומען ווערען מיט א געפיהל פון גרויסער צופרידענהייט און דערלייכטערונג, ווייל פון די ביז־איצטיגע בעציהונגען האבען ביידע צדדים אונגעהויער פיל געליטען.

מ'האט גערעדט, אבער וועגען דער פערגאנגענהייט

אפקלאנג פון לעגיאניסטען צוזאמענפאהר אין גדיניע

יענע וואך איז אין גדיניע פארגעקומען דער יעהרליכער צוזאמענפאהר פון די לעגיאניסטען. די דאזיגע צוזאמענפאהרען נעהמען געוועהנליך נישט אן קיין בעשלוסען, זיי דעצידירען נישט וועגען קיין שום פראגען. די צוזאמענפאהרען זענען ווי א מין אודיטאריע, פאר וועלכער די פיהרער פון היינטיגען פוילען זאגען ארויס אין א מעהר אדער ווייניגער קלארער פארם זייערע אידעאלאגישע אנשויאונגען. עטליכע מאל האט פאסירט, אז צו די צוזאמענפאהרען איז געקומען פערזענליך דער פיהרער פון די לעגיאנען, דער קאמענדאנט פון די לעגיאנבען, מארשאל פילסודסקי אליין. געוועהנליך, אויב ער קומט נישט שיקט ער צו צום צוזאמענפאהר א בריף. אזוי איז עס געווען אויך דאס יאהר.

אין די קרייזען פון די לעגיאניסטען האט מען היי־יאהר דערווארט פון די פיהרער פראגראם־ערקלערונגען, וואס זאלען קלאר מאכען די שטעלונג פון דעם סאנאציע־לאגער, וועלכער רעקרוטירט זיך פון די אמאליגע לעגיאנען. צו די גרויסע פראבלעמען פון דער צייט. מ'האט ערווארט א וויכטיגע ענונציאציע פון מארשאל פילסודסקי בפרט ווייל ס'איז שוין פאריבער א לאנגע צייט, און דער מארשאל האט קיין ווארט נישט גענומען און זיין שטעלונג צו די גרויסע פראגען פון פוילען איז לעצטענס נישט בעקאנט. געשוויגען האבען אויך די אפיציעלע פיהרער פון דער רעגירונג פריסטאר און זאוואדזקי.

אבער די, וועלכע האבען ערווארט, אז דער צוזאמענפאהר וועט האבען א געשיכטליכע בעדייטונג, זענען געווארען ענטוישט. דער פיהרער פון דער סאנאציע פולק, סלאוועק האט גערעדט וועגן דער טעאריע פון דער „געזעלשאפטליכער עליטע", וועלכע טראגט די אחריות פאר די היסטארישע געשעהענישען אין לאנד־ און אין וועלט־מאסשטאב.

גענעראל רידז־שמיגלי האט גערעדט וועגען דער פערגאנגענהייט. ענדליך איז פארגעלייענט געווארען געווארען דער בריף פון מארשאל פילסודסקי, אבער אין בריף איז אויך גערעדט געווארען וועגען עבר. דער מארשאל האט געוואונשען זיינע חברים פון די שווערע צייטען פון קריג און קאמף גוטע געמיטער, אבער אין זיין בריף האט זיך געפיהלט א גרויסער אומעט און ער האט בענוצט דאס געפליגעלטע ווארט, אז נישט איינמאל האט ער אין די שווערע איבערטראכטונגען פון דער קריגס־צייט מורא געהאט אז די זיהן זאלען אמאל נישט שפייען אין די קברים פון זייערע פאטערס, ווייל זיי האבען אונטערגענומען אזא געוואגטע זאך, ווי דעם בעוואפענטען קאמף פאר פוילען. קיין ווענדפונקט אין דער פוילישער פאליטיק, קיין נייע ווארט האט דער צוזאמענפאהר נישט געבראכט.

די שעה פון רעוואנש וועט אויסשלאגען

ריזיגע דייטשע רעוואנזש־דעמאנסטראציע ביי דער גרעניץ פון פראנקרייך

אזא ריזיגע און איינדרוקספולע רעוואנשדעמאנסטראציע, ווי די וואס איז די טעג פארגעקומען אין פירמאזענס (פפאלץ) ס"ה עטליכע קילאמעטער פון דער פראנצויזישער גרעניץ, האט מען שוין לאנג אין דייטשלאנד נישט געזעהען. פאר דער סטאטוע פון ביסמארק'ן איז פארגעקומען א גראנדיעזער פאראד פון די וועטעראנען פון דער אלטער דייטשער ארמעי און פון „שטאההעלם". נאכ'ן קריג איז נאך נישט געווען דער פאל פון אזא אפענער פראפאגאנדע פון דער ר'עוואנש־אידעע, ווי דאס איז געשעהן אויפ'ן פאראד אין פירמאזענס.

פאר דעם דענקמאל פון „אייזערנעם קאנצלער" האבען זיך פערנייגט הונדערטער פאהנען. אויף די פאהנען זענען געווען אויסגענייהט די אדלערס פון די האהענצאלערנס, בייערישע לייבען, כל'ערליי מיליטערישע סימבאלען, הערמאטען אונטערוואסער־שיפלעך, פעסטונגען. אויף איין פאהן געפינט זיך דאס בילד פון קעניג לודוויג דעם דריטען פון בייערן, אויף א צווייטער די היילגע בארבארע, די שיצערין פון ארטילעריע. אויף דער טריבונע געהען ארויף איינער נאכ'ן אנדערען גענעראלען און האלטען רעדעס. מיליטטערלייט זענען שלעכטע רעדנערס און די רעדעס זענען דעריבער בלאס און ארים אין אינהאלט. ענדליך געהט ארויף אויף דער טריבונע אן'אפיציר מיט א שטרענג פנים, מיט א שטרענגער שטים, שטרענגען בליק. דאס איז גענעראל פאן קלאוס.

א בריף פון בערלין

זיין רעדע איז בעגעגענט געווארען פון המון מיט ענטוזיאזם.

דייטשלאנד האט אזויפיל געליטען אין דער צייט פון קריג, און האט בעצאהלט אזא גרויסע קאנטריבוציע, האט דער גענעראל ערקלערט, אז נישט פראנקרייך, נאר דייטשלאנד האט רעכט צו בעקומען ענטשעדיגונגען... דער גענעראל פאן קלאוס האט דאן גענומען רעדען וועגען רעוואנזש. באלד האט ער געזאגט, איז געקומען א מאמענט, ווען דייטשלאנד ווערט צוריק אויפגעבויט. אבער מען דארף טון אלציגג, כדי דייטשלאנד זאל צוריק ערווערבען איהר אמאליגע קראפט און רוהם. פריהער אדער שפעטער, וועלען די טראקטאטען פון ווערסאל, ספא זשערמען צושטערט ווערען. דייטשלאנד וועט צוריק עראבערען אלע לענדער, וואס זענען ביי איהר צוגענומען געווארען, איינשליסליך מיט עלזאס און לאטרינגען, וואו עס ליידען איצט אונזערע ברידער און שוועסטער. קיינער קאן נישט שטערען דערין, אז דייטשלאנד זאל זיך פעראייניגען מיט עסטרייך.

פאר'ן גענעראל פאן קלאוס האט מען פארבייגעטראגען די פאהנער פון די טעריטאריעס, וועלכע דייטשלאנד האט פערלוירען. דער רעדנער איז ציגעגאנגען צום ראנד פון דער טריבונע און האט זיך געווענדעט צום המון:

— און איצט לאמיר שווערען, אז מיר וועלען אנווענדען אלע כוחות, כדי צוריקצושטעלען דאס גרויסע דייטשלאנד. זאלען אונזערע ברידער און שוועסטער אין אויסלאנד וויסען, אז עס איז פאראן א שטארק דייטשלאנד, וועלכע וועט צו זיי קומען צוהילף. די שעה פון רעוואנזש איז נאהענט. הויבט אלע אויף די רעכטע האנד און זאגט נאך די ווערטער פון דער שבועה:

— אזוי וועט עס געשעהן!

20000 הענד האבען זיך אויפגעהויבען אין דער לופט. דער המון האט ווי איין מאן נאכגעזאגט: אזוי וועט עס זיין!

נאך די רעדעס האט זיך אנגעהויבען א היסטארישער צוג, וועלכער האט געדארפט פארשטעלען דאס דייטשע פאלק אין די צייטען פון זיין רוהם. די אלטע יעגערמאנער, די טפוטאנישע ריטערס אין זייערע פאנצערס, גרענאדירען פון פרידריך דעם צווייטען אין אנגעפודערטע פארוקען, די טויט־הוזארען א. א. וו. דער היסטארישער טייל פון דעם צוג איז געווען גאנץ ארים און פרימיטיוו. אויב דעם גרעסטען טייל פון צוג האבען געבילדעט סאלדאטען אין דער פארם פון דער פארקריגס־צייט און דאס איז געווען ווירקליך אן'איינדרוקספולע דעמאנסטראציע. די דעמאנסטראנטען האבען געטראגען הילצערנע הארמאטען, אונטערוואסער־שיפלעך פון קארטאן. עס זענען פערבייגעגאנגען פיל ארקעסטערס און פאהנען האבען זיך פערנויגט אויף די אויסלענדישע זשורנאליסטען, וועלכע האבען בייגעוואוינט דעם צוג, האט די דעמאנסטראציע געמאכט א ריזיגען איינדרוק.

י. מ.

הינטער־קוליסען־השפעות

אויף דער קאנפערענץ פון די בריטישע דאמיניען אין אטאווא

די בריטישע אימפעריאלע קאנפערענץ אין אטאווע (קאנאדע) האט געהאט העכסט אינטערעסאנטע, פיקאנטע און אפט סענסאציאנעלע הינטערקוליסען־זייטען. די דאזיגע פיקאנטע פרטימלען פלעגען אפט אננעהמען אפילו א גראטעסקען כאראקטער, אויב מ'זאל נעהמען אין אכט דאס, וואס איז ביז איצט פערשוויגען געווארען דורך די ענגלישע מאסגעבענדע ספערען, אז די קוליסען פון אטאווע זענען געבויט געווארען דורך עמיצען, וועלכער איז די גאנצע צייט געבליבען אין שאטען, און וועלכער האט דאך אויסגעאיבט א געוויסען דרוק אויף איינינע אנטיילנעהמער פון דער קאנפערענץ. א גרויסען „שאטען" האט געווארפען אט דער דריטער, דער מעכטיגער „אנקעל סעם". עס קלינגט כמעט, ווי א פאראדאקס, וואס די צאהלרייכסטע דעלעגאציע אויף דער קאנפערענץ אין אטאווע איז דווקא געווען די אמעריקאנער דעלעגאציע.

דאס דאזיגע שפיל אין שאטען, דאס שפיל הינטער די קוליסען איז געווען א שפיל אויף א גרויסע געווינס, אויף 3 מיליארד דאלאר אנטייל אין דעם וועלט־האנדעל. גלייכצייטיג איז דאס געווען פאר אמעריקע א זעהר גינסטיגע פאזיציע, ווייל די דעלעגאציע פון די פעראייניגטע שטאטען, כאטש בעהאלטען אין שאטען, איז געווען פערבונדען דורך טויזענדער פעדים מיט פערשידענע דעלעגאטען פון די אנטיילנעהמער און האט געהאט די מעגליכקייט אזוי צו קערעווען די פראגען, אז צום סוף איז אויסגעקומען, ווי זיי האבען עס געוואלט. די אמעריקאנישע דעלעגאציע, ארויסטרעטענדיג אלס מעכטיגער אפנעהמער און צושטעלער פון פערשידענע סחורות, איז געווען אימשטאנד צו דיקטירען איינינע פון די אנטיילנעהמער אין דער קאנפערענץ איהרע פאדערונגען, וועלכע האבען נאכדעם בעקומען אן'אפקלאנג אין די אפיציעלע בעראטונגען פון דער קאנפערענץ. א דאנק דער פערשידענארטיגקייט פון די אינטערעסען ביי די בעזונדערע טיילען פון דעם בריטישען אימפעריום, זענען ארויסגעשוואומען מיט א בעזונדערער קראפט, אין ערשטען סטאדיום פון דער קאנפערענץ, די קאנפליקטען פון די בעזונדערע דאמיניען.

אבער די קוליסען פון דער אטאווער קאנפערענץ ענטהאלטען נאך א סך אנדערע פיקאנטע איינצעלהייטען, צווישען וועלכע מען קען נישט פערשוויגען דעם איינפלוס פון דעם „שעהנעם מין" א גאנצע רייהע דעלעגאטען, סיי אין ענגלאנד, סיי פון די דאמיניען זענען געקומען אויף דער קאנפערענץ מיט זייערע פרויען, וועלכע שפילען אין פאליטישען און געזעלשאפטליכען לעבען פון ענגלאנד אן'אנגעזעהענע ראלע, א בעזונדערס לעבהאפטע טעטיגקייט האט ענטוויקעלט בעת דער קאנפערענץ די פרוי פון האנדעלס־מיניסטער רענסימען, וועלכע איז א מיטגליד פון פארלאמענט פונ'ם יאהר 1928 און וועלכע האט שטארק בעקעמפט די צאהלען אויף לעבענסמיטעל־פראדוקטען. זי האט בנוגע'ן בעהאנדלען די דאזיגע פראגע ערקלערט, אז די ענגלישע פרוי וועט קיינמאל נישט איינגעהן אויף די דאזיגע צאלען און וועט בעקעמפען יעדען פרווו צו רעאליזירען זיי און יעדע רעגירונג, וואס וועט דעם פראיעקט פארסירען... עס איז דעריבער איצט נישט צו צווייפלען, אז די ענערגישע שטעלונג פון פרוי רענסימען, אוגטער וועלכער עס זענען אויך געשטאנען די פרויען פון די ענגלישע דעלעגאטען האט געווירקט אויף דער שטעלונג פון דער בריטישער דעלעגאציע אין דער פראגע וועגען די פאדערונגען פון אויסטראליען און אנדערע.

גענוג מאדנע איז אויך געווען די האלטונג פון דער אירלענדישער דעלעגאציע וועלכע האט אלעמאל ארויסגערופען סענסאציעס מיט איהרע אונגערוואַרטעטע האנדלונגען און שטעלונגען אין פערשידענע פראגען. אין א געוויסען ענין האט די דעלעגאציע אפילו געשטעלט דעם פרעזידיום פון דער קאנפערענץ אן'אולטימאטום. דראהענדיג, אז זי וועט פערלאזען די קאנפערענץ, אויב מען וועט נישט אננעהמען זייערע א פארשלאג אין דער פ־אגע וועגען צאל־שטרייט צווישען אירלאנד און ענגלאנד.

און צום סוף א פאר פיקאנטע איינצעלהייטען אויפ'ן באדען פון דער אטאווער קאנפערענץ: קודם כל איז די ערעפנונג פארגעקומען ביי „פייערליכע" אויסגעשרייען פון די דעמאנסטרירענדע ארבייטסלאזע, וועלכע האבען פאר'ן פרעכטיגען בנין פונם פארלאמענט, וואו עס זענען פארגעקומען די זיצונגען פון דער קאנפערענץ איינגעארדענט זייער דעמאנסטראציאנען מארש.

די בריטישע דעלעגאטען האבען דאס געהאלטען פאר א שלעכטען סימן פאר'ן אנהויב פון די בעראטונגען. דער באלבאס, דער פרעמיער פון קאנאדע, ה' בענעט האט די שפאטישע בעמערקונגען פון די בריטישע דעלעגאטען פערשעהמט פערשוויגען, און אין דער זעלבער צייט האט מען די דעמאנסטראנטען בעזייטיגט פון בנין פון דעם פארלאמענט.

אלטע יודען רעדען פון א האלבען הערינג
און יונגע טרוימען וועגען פאבריקען מיט הויכע קוימענס
דאס יודישע לעבען אין די שטעט און שטעטלעך פון סאוויעט-רוסלאנד

פון ד"ר א. סינגאלאווסקי

גוט, צי שלעכט

נישט כדי צו זאמלען ציפערען בין איך געפאהרען קיין רוסלאנד, נאר צו זעהן דעם לעבעדיגען מענשען, וואס שטעהט הינטער די טויטע ציפערען.

ווי לעבט זיך דארטען? „גוט" און „שלעכט" זענען נישט קיין אבסאלוטע בעגריפען. עס ווענדט זיך תמיד מיט וואס איהר מעסט, מיט וואס איהר פערגלייכט. יעדער אורטייל איז דאך דער אויספיהר פון א פערגלייך. דער חסרון פון פיעל אורטיילען וועגען רוסלאנד נעהמט זיך דערפון, וואס אנשטאט צו פערגלייכען רוסלאנד מיט סאוויעט-רוסלאנד — איצטער מיט פריהער — פערגלייכט מען רוסלאנד מיט אמעריקע אדער מיט מערב-אייראפע...

איך האב פערגליכען דאס, וואס איך האב געפונען אין 1932, דערמיט וואס איך האב געזעהען און געפיהלט אין דעצעמבער 1929. איז דער אויספיהר מיינער, אז עס איז בעסער געווארען. אין 1929 איז געווען ערגער. און ווייל דער מענש איז בטבע, אחוץ אלעמען, א נישט-פערגינער, און דער סאוויעטישער מענש איז עס בנוגע צו דער בירגערליכער וועלט נאך אין א גרעסערער מאס, — איז זיי דארטען גרינגער אויפ'ן הארצען נישט נאר פון דעם געפיהל, אז מען געהט בארג-ארויף, נאר דער עיקר הפנים דערפון, וואס די גאנצע וועלט געהט בארג אראפ.

איך זעה נאך פאר מיינע אויגען דאס בילד פון 1929. דעמאלט איז גאר אויפ'ס ניי דערקלערט געווארען פערשארפטער קריגס-צושטאנד, דער אנהויב פון דער „לעצטער אטאקע", דער אזוי-גערופענער „עקאנאמישער אקטאבער". צוויי ריזיגע אויפגאבען זענען אוועקגעלייגט געווארען אין יסוד פון דעם פינף-יאהר-פלאן: קאלעקטיוויזירונג אין דארף און מלוכה-אינדוסטריאליזירונג אין שטאדט. געגויעטע פלאנמעסיגקייט איז, ווי געוועהנליך, פערבינדען מיט צוואנג. אין דער ווירטשאפט, אין דער געזעלשאפט און אין דער ליטעראטור איז די פאדערונג געווארען: נישט אסימילירען די רעשטלעך פון דער קאפיטאליסטישער ירושה, נאר אויסראטען.

אין יענע צייטען האבען די ליידען פון די יודישע דעקלאסירטע דערגרייכט זייער העכסטע מדרגה. א „געוועזענער" האט נישט קיין וואהל-רעכט און א וואהל-רעכטלאזען האט מען נישט גענומען אין צעטעל, אויסגעשלאסען פונ'ם דארפס-קאלעקטיוו און, אויסגערייניגט פון פאבריק. דעם היים-ארבייטער האט מען געלאזען אהן וויזע-שטאמף און איבערגעגעבען אין די הענד פונ'ם פינאנס-אינספעקטאר.

דער „ארט" האט זיך געווענדעט צו דעם „סאוונארקאם" (ראט פון פאלקס-קאמיסארען) און מיט אויפריכטיגער זאכליכקייט געשילדערט דעם קריזיס. די תשובה, וואס „ארט" האט בעקומען אויף זיין מינדליכער און שריפטליכער ווענדונג, האט געגעבען די טהוער נייע זיכערקייט. די שפעטערדיגע רעגירונגס-פעראָרדנונגען און בעשלוסען האבען געבראכט וואהל-רעכט, און דאס מיינט לעב-רעכט, אטעם-רעכט און ארבייט-רעכט פאר הונדערטער טויזענדער יודען אין סאוויעט-רוסלאנד.

די פערענדערטע לאגע

גאר אנדערש האט אויסגעזעהן דאס בילד אין 1932. נערוועזקייט, די בעגענזייטיגע הטאים-זוכעריי האט צום גרעסטען טייל אויפגעהערט. אונטען און אויבען שפירט זיך געלאסענקייט. וואס קומט פון גרעסערער זיכערקייט. און וואס מעהר זיכערקייט, אלץ וועהניגער אומטאלעראנץ, וועהניגער טעראר.

בעדייטענדע ענדערונגען זענען פארגעקומען אינ'ם יודישען לעבען. קודם-כל געאגראפיש. צוליב דער קאלעקטיוויזאציע פון די דערפער און א דאנק דעם נאכפרעג אויף ארבייטס-הענד פאר דער אינדוסטריע, איז פארגעקומען א מאסענוואנדערונג פון דארף אין שטאדט. מיט דעם געוואלדיגען וואוקס פון די שטעדט איז אויך פארגעקומען א נייע פערטיילונג פון דער יודישער בעפעלקערונג. אזוי האט היינט, למשל, לענינגראד א יודישע בעפעלקערונג פון קרוב א פערטעל מיליאן און מאסקווע פון איבער דריי הונדערט טויזענד.

געלאפען אין די שטעדט איז קודם-כל די יוגענד. זי איז היינט אינגאנצען אנ'אנדערע. איהר אידעאל — גרויסע פאבריק-מאשינען. זי זוכט א וועג צו די „גיגאנטען" און עס חלומ'ען זיך איהר לויטער הימעל-הויכע קוימענס...

אויך א געוויסער טייל עלטערע שטעדטעלדיגע יודען זענען אוועק אין די גרויסע שטעט און האבען בעקומען א שעהנערען „פנים". נעהמט א שטייגער אזעלכע, וואס פלעגען קריגען גאנצע 50 רובל א חודש פון זיין גרויס-שטאדטיגען זוהן, וואס פערנעהמט דארט א וויכטיגע שטעלע. וואס-זשע האט ער געהאט דערפון, אז אין שטעדטעל קענען איהם אלע פאר א „דעקלאסירטען"? קויפען מוז ער אויפ'ן פריוואטען מארק, וואו מען קען קוים עפעס בעקומען, און דאס נאר פאר געוואלדיגע פרייזען, איז אויף וואס האבען איהם געקענט קלעקען די צוגעשיקטע פינף „טשערוואנצעס"? גאר אנדערש, זעהט איהר, איז ווען ער פאהרט אריבער צום זוהן אדער צום פלימעניק אין שטאדט. יענער איז, דארפט איהר וויסען, אנ'„אטוועטסטווענער", א מיטגליד פונ'ם פראפעסיאנעלען פעראיין. איז דער טאטע אדער דער פעטער שוין נישט מענדעל דער „לישענעץ", נאר דער „איזשדעווענעץ" פון דעם „אטוועטסטווענע בוכהאלטער", יאקאוו מענדעלעוו, א.א.וו. דאס, זעהט איהר, איז שוין גאר אנ'אנדער מערכה...

הונדערטער טויזענדער ארבייטס-פעהיגע דעקלאסירטע האבען בעקומען בעשעפטיגונג אין די גרויסע שטעדט. צווישען זיי אויך די „לישענצעס", בעזונדערס די, וועלכע קענען א מלאכה. דער מין „לישענעץ" איז נאך נישט פערשוואונדען, און כאטש פארמעל מוז די ארבייטס-בערזע רעגיסטרירען די „לישענצעס" בעזונדער און געבען זיי נאר שווערע ארבייט, מאכט מען פונדעסטוועגען קיין חילוק נישט. לעצטענס איז ארויס א בעזונדערע פעראָרדנונג, וואס פערווערט צו פרעגען דעם ארבייטס-זוכער צי ער איז א „לישענעץ". דער דאזיגער פערבאט נעהמט זיך דערפון, וואס די לאקאלע סאוויעטען פלעגען פשוט פערווארפען ווערען מיט שאלות און תשובות. האט מען דאס אבגעשאפט, כדי צו שפארען פאפיר און צייט.

וואס-זשע טוען יודען אין די גרויסע שטעט?

איבער זיבעציג טויזענד יודען זענען אין די לעצטע יאהרען אריין אין דער גרויסער מלוכה-אינדוסטריע. דאס איז א גרויסער געווינס. עס איז אבער א שאד, וואס א גרויסער טייל פון זיי קען נישט קיין בעשטימט פאך, טוט שווארצע ארבייט און פערנעהמט א פאזיציע, וואס איז וועהניגער געשיצט געגען מעגליכע פערקירצונגען. די גרויסע מעהרהייט אבער פון דער יודישער בעפעלקערונג זענען היימישע בעל מלאכות און אנגעשטעלטע. די יודישע אנגעשטעלטע מאכען אויס קרוב צו א פערטעל מיליאן. עס קען זיין, אז מאנכער פון אייך איז אפשר אומרוהיג וועגען דעם, וואס עס פיהלט א שטייגער דער פערבארגענער אנטיסעמיט, ווען ער זעהט אזא זאך. איז ראשית, זאל מען נישט געפרואווט ווערען, צו וואס מען קען געוואוינט ווערען. דער גוי געוואוינט זיך ביסלעכווייז צו אפילו צו דער דאזיגער פארמע פון יודישער גלייכבערעכטיגונג. שנית, טאמער האט ער טאקע דערפון עגמת נפש, פערגין איך איהם פון גאנצען הארצען דעם דאזיגען עגמת נפש...

פערשידענע קלאסען קוסטארען

וואס איז שייך די קוסטארען (בעלי מלאכות) ארבייטען זיי צום גרעסטען טייל אין ארטעלען (קאאפעראטיוען). דער יחוס פון דער קאאפעראציע האט זיך לעצטענס זעהר געהויבען. די מיטגלידער פון די קאאפעראטיוען ווערען גלייכגעשטעלט אין זייער רעכט מיט די ארבייטער פון דער מלוכה-אינדוסטריע. כדי צו מאכען פערגעסען דעם חילוק צווישען דער צווייט-קלאסיגער קאאפעראציע און דער ערשט-קלאסיגער מלוכה-אינדוסטריע, רופט מען זיי היינט סתם „ליאכקאיא פראמישלענאסט" (לייכטע אינדוסטריע). מען אינטערעסירט זיך מיט דער אנטוויקלונג פון דער דאזיגער לייכטער אינדוסטריע צווישען אונזער ארבייטענדער בעפעלקערונג.

א שטופע נידעריגער שטעהן יענע קוסטארען, וואס ארבייטען אין דער היים פאר קאאפעראטיוען, ד. ה. זיי נעהמען ארויס ארבייט פון ארטעלען, וועלכע ברויכען מעהר סחורות ווי זיי קענען אליין אויסארבייטען מיט זייער בעגרענעצטער צאהל מאשינען און אין דער ענגער וואוינונג, וואס זיי פערמאגען. די דאזיגע קוסטארען קריגען שוין אנדערע לעבענס-מיטעל-קארטלעך. זיי צאהלען שוין שטייערען. אמת, דער אינספעקטאר איז דא נישט אזוי פראנק און פריי אבער ער גיט שוין אכטונג... מחמת עס זענען פערהאן צווישען די דאזיגע קוסטארען אזעלכע, וואס „קנעלען אביסעל צו", ד.ה. וואס פערדינען עפעס אן א זייט דורך דעם, וואס זיי ארבייטען בשתיקה אויך פאר א פריוואטען קונד. אזא מין קוסטאר (א ביין אויג זאל איהם נישט שאדען) מאכט א גאנץ פיין לעבען. כאפט איהם אבער דער פינאנסאינספעקטאר, „בעגראבט" ער איהם פאר ארבייטען אין דער היים אהן א פאטענט.

איך האב אויך געטראפען (אמת נישט פיעל) אזעלכע, וואס נעהמען ארויס ארבייט פון ארטעל, כאטש זיי וואלטען דוקא יא געקענט אנקומען אין קאאפעראטיוו און געניסען פון זיינע פריווילעגיעס. ווילען זיי אבער נישט ארבייטען שבת. אויף מיין פראגע, האט מיר אזא יוד אין לענינגראד געענטפערט, אז איהם איז גאנץ גוט. אי, זאגט ער, מען איז א קלאס נידעריגער, מען קריגט א שטייגער א האלבען קילא הערינג אנשטאט א גאנצען, איז מילא... איך וועל דאך נישט פערקויפען די בכורה פאר א האלבען קילא הערינג...

מ'פערבלייבט אין די שטעדטלעך

די אנגעוועהטאגטע וואוינונגס-פראגע, דער מאנגעל אין דירות אין די גרויסע שטעדט האלט צוריק א סך יודען אין די שטעדטלעך. אנ'ערך 700 טויזענד יודען לעבען נאך אין די קלענערע שטעטלעך. דארט איז שווער עפעס צו פערדינען. אויף מיינע בעזוכען אין די שטעדטלעך, וואו עס זענען מיט דער הילף פון „ארט" געעפענט געווארען ארטעלען און קאאפעראטיווע פאבריקען, האב איך געזעהען ווי גרויס עס איז דער אנבאג אויף ארבייטס-הענד. אומעטום פלעגען מיך אבשטעלען מענער און פרויען און בעטען רחמים, איך זאל פועלען, מען זאל זיי ארייננעהמען אין פאבריק. מיין ענטפער, אז ס'איז דערווייל נאך נישטא קיין פלאץ, פלעגט זיי, פערשטעהט זיך, קיינעם נישט צופרידענשטעלען. „ס'טייטש, א וועלט יודען ארבייטען. וואס-זשע זענען מיר ערגער פון אלעמען?".

ווי מ'לעבט אין די שטעדטלעך

די צאהל פון די בעשעפטיגטע אין די שטעטלעך איז אויסגעוואקסען און די דאזיגע יודען לעבען היינט בעסער, ווי מיט עטליכע יאהר צוריק. דאס הערט איהר היינט אומעטום, אפילו אין די געגענדען, וואו עס איז היי-יאהר א גרויסער דוחק אין לעבענס-מיטלען. דאפעלט בייזער איז אבער דעם, וואס האט זיך נאך נישט צוגעשלאגען צו קיין ארבייט. ער האט נישט קיין געלד, ווייל ער האט נישט קיין ארבייט. אבער טאקע מחמת ער האט נישט קיין ארבייט, מוז ער נעבעך האבען א סך געלד. ווארים היות ער איז נישט קיין הארעפאשניק, קען ער קריגען ברויט נאר אויפ'ן פריוואטען מארק, וואו עס קאסט דריי רובעל א פונט.

אזעלכע און עהנליכע דעקלאסירטע זענען נאך פערהאן אנ'ערך פון 300 ביז 350 טויזענד.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוואכע, אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען.
צוריקגעקעהרט.
נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אווענט. בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען.

וואס מען זאגט וועגען א גוטער פרוי
א פרוי, וועלכע איז גוט פאר איין מאן, קאן זיין שלעכט פאר א צווייטען און אויך פערקעהרט. — דאס זעלבע קאן געזאגט ווערען וועגען מענער

פון לאה שעלוב

וואס קען זיך ווינשען, איינער וואס קלייבט זיך התונה האבען, מעהר ווי צו קריגען א גוטע, ליבע פרוי? נישטא, דאכט זיך, קיין גרעסער גליק פאר דעם. נאר וואס איז אזויגס א גוטע פרוי? מיט וואס קען מען עס בעשטימען?

אויב מיר וועלען זיך עס דערקלערען רעלאטיוו, דאן וועלען מיר זיך אפשר קענען צוזאמענרעדען. למשל, ווען איינער, וואס האט א שטארקע ליידענשאפט פאר קארטען-שפיל, קריגט א פרוי, וואס רעדט איהם נישט אויס קיין איין קרום ווארט, ווען ער פערלירט א היבשע סומע געלד, דאן איז זיין פרוי גוט, אז עס איז גאר צו איהר קיין גלייכען נישטא. די מייסטע פרויען, ווען מענער עס שפילען אין קארטען, מאכען געוואלדען, זיי סקאנדאלעווען, ווען עס מאכט זיך א היבשער פערלוסט און די מענער זייערע פערדרעכענען זיי פאר שלעק, פאר צרות, פון וועמען זיי וואלטען זיך געוואונשען פטור צו ווערען.

אין פערגלייך מיט דער גרעסטער צאהל פרויען, איז טאקע יענע, וואס פערשווייגט איהר מאנ'ס שוואכקייט, א דימענטענע נשמה. כאטש אין אלע אנדערע זאכען קען זיין איז זי גארנישט אזא מזג טוב.

בערנארד שאו, דער בעריהמטער ענגלישער דראמאטורג, נאוועליסט און דענקער, האט אמאל געזאגט, אז ווען איהר ווענדט זיך צו א מאן, ער זאל זאגען זיין אויפריכטיגע מיינונג וועגען זיין פרוי, וועט ער אייך נישט זאגען קיין איין אמת ווארט. ערשט נאך איהר טויט וועט ער אפשר האבען דעם מוט זי צו כאראקטעריזירען מעהר אדער וועהניגער ריכטיג.

עס זענען אבער פערהאן צייטען, ווען די פרויען זענען די בעסטע, די אידעאלסטע און דאס ווען מיר ליבען זיי, ווען זיי זענען פאר אונז דאס העכסטע גליק אין לעבען, דאן ווען זי וויליגט איין צו הייראטען מיט דעם. וואס געהט אויס נאך איהר, איז ער אין זיבעטען הימעל פאר גליק און איהם דאכט זיך אויס, אז ער האט געקריגען דאס גרויסע געווינס.

מיט א צייט צוריק האט איינער ארויסגעזאגט זיין מיינונג, וואס ער רופט די אידעאלסטע פרוי: זי מוז ליב האבען מוזיק, און נישט נאר דאס, זי מוז טאקע אליין אויך זיין בעהאווענט אין דעם דערצו מוז זי האבען א רייכע פאנטאזיע און א חוש פאר הומאר. זי מוז האבען א חשק צו לערנען און צו וויסען און זי טאר נישט זיין פון יענע, וואס שטעלען זיך אב אויף איין פלאץ אין זייער אנטוויקלונג. זי מוז וואקסען, פראגרעסירען. זי טאר נישט זיין קיין עקשן. זי מוז האבען א בעגריף אין דער קונסט, וואס רופט זיך ליבע. זי טאר נישט זיין קיין נודניצע און זי דארף זיין גרייט מיטצוארבייטען מיט'ן מאן אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען.

איהר ווערט דאך זאגען: עס איז נישט בעשטימט, עס איז צופלאסען, אז דאס מיינט גארנישט. אט, למשל, ווען מען זאל זיך נעהמען טשעפען און פרעגען: וואס מיינט עס ליב האבען מוזיק? וועלכע מוזיק, דזשעז, אירווינג בערלין אדער שאפען? און וואס מיינט עס האבען א רייכע פאנטאזיע, אז זי זאל אייך חושד זיין אויף טריט און שריט? אז זי זאל אויסטראכטען נישט-געשטויגענע און נישט-געפלויגענע געשיכטעס, פליאטקעס, ווייל די וואס האבען א רייכע סימפאטיע זינדיגען נעבעך אפט מיט די זאכען. די גרעסטע רכילות-טרייבער, פליאטקע-מאכער זענען די, וואס האבען א רייכע פאנטאזיע. און ווען איהר זאגט: א טיפען פערשטאנד און חשק צו וויסען, פרעגט זיך: וואס וויסען? ווי צו בעקומען ברויט אדער איינשטיינ'ס טעאריע וועגען רעלאטיוויטעט?

עס איז לייכט צו זאגען, אז די פרוי זאל וואקסען גייסטיג, זאל זיך ענטוויקלען, דאס איז א פרומער ווונש, וואס ווערט, אפשר, איין מאל אין צעהן טויזענד פאלען פערווירקליכט. דאס לעבען פון דער פרוי, דאס ארט וואס זי פערנעהמט אין דער פאמיליע, רייסט זי אוועק פון פארטשריט. זי מוז פערגעסען דאס, וואס זי האט אמאל געוואוסט, זי מוז צוריקפאלען.

היינט צו טאג, ווען די פרוי הייבט אן פערנעהמען א וויכטיגען ארט אין האנדעל, אין דער אינדוסטריע און אין די געלערנטע פראפעסיעס, איז לעכערליך צו רעדען וועגען דעם, אז די אידעאלע פרוי איז יענע, וואס קען גוט קאכען. ווען מען זאל נעהמען די נייע צייט אין זינען מיט די פערענדערטע אומשטענדען, דאן וועלען מיר מוזען זוכען גאר אנדערע אייגענשאפטען אין דער גוטער, אידעאלער פרוי. למשל, זי זאל גוט פערדינען, זי זאל זיין שפארזאם, זי זאל לעבען פריינדליך מיט די מיט וועמען עס קומט איהר אויס צו ארבייטען צוזאמען.

און וואס הערט זיך מיט דער פרוי אליין, וואס דענקט זי וועגען דער בעסטער, אידעאלסטער פרוי? זי וועט אייך זאגען, אז יענע וואס האט נישט קיין מורא פאר'ן מאן, יענע וואס קען זיין זעלבסטשטענדיג, יענע איז די אידעאלסטע אויף דער וועלט: און יענע, וואס קוקט נאר דעם מאן אין די אויגען, יענע איז א שמאטע, וואס איז נישט ווערט, וואס די ערד טראגט זי.

יודען וועלכע גלויבען אין שדים

און וואַרטען יעדען שבת אויף אליהו הנביא

אַ מערקווירדיגע סעקטע יודען, וועלכע לעבען אין די ווילדע בערג פון קאַווקאַז. — קויפען זייערע ווייבער, פּראַווען ברית'ן און לאָזען נישט אַרויס קיין געווער פון די הענד

— 1. —

מיט אַ צייט צוריק איז אין דער יודישער פּרעסע דורכגעגאַנגען אַ מעלדונג וועגען אַ צוזאַמענפאָהר פון באַרג־יודען, וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען אין מאָסקווע און דער מעלדונג איז געזאָגט געוואָרען, אַז פון די בעריכטען, וועלכע זענען אָפּגעגעבען געוואָרען ביי דעם צוזאַמענפאָהר, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די לאַגע פון די יודען אויף די קאַווקאַזער בערג איז זעהר אַ שלעכטע; אַז זיי ליידען הונגער און בויט איין, אַז זיי זענען אינגאַנצען רואינירט געוואָרען אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג.

אין אַ צווייטער טעלעגראַמע פון מאָסקווע איז צו דערזעלבער צייט געמעלדעט געוואָרען, אַז ביי דעם צוזאַמענפאָהר איז פאַרגעשלאָגען געוואָרען אַ פּלאַן איבערצופיהרען אַלע באַרג־יודען פון צפון־קאַווקאַז און זיי בעזעצען אין דרום־קאַווקאַז.

איך וויל דאָ בעטיילען דעם לעזער מיט דעם באַרג־יודעי אַליין; וועגען זייער גאַנצען לעבענס־שטייגער, וועלכער איז אָנגעזאָפּט מיט די זייכסטע פאַרבען פון דעם מזרח. איהר וועט זיך דאָ בעקענען מיט אַ האַלב־פערגעסענעם און וועניג אויסגעפאָרשטען טייל פון דעם יודישען פאָלק.

די באַרג־יודען לעבען אין דער איצטיגער קאַווקאַזער סאָוועטען־רעפּובליק. וועלכע הייסט דאַגעסטאַן (דאָס לאַנד פון בערג). דאַגעסטאַן איז פאַרמירט געוואָרען אין אַ סאָוועטען־רעפּובליק ערשט אין יאָהר 1921, דער בירגער־קריג אין דאַגעסטאַן האָט אָנגעהאַלטען פיל לענגער און איז געווען פיל בלוטיגער, ווי אין וועלכען נישט איז אַנדער לאַנד, פון די וועלכע זענען איצט פאַראייניגט אין דעם פערבאַנד פון סאָוועטען רעפּובליקען (ס.ס.ר.ר.).

גלויבען אין שדים און רוחות

די באַרג־יודען פון דאַגעסטאַן זענען שטאַרק אומוויסענד און אָבערגלויביג. באַר אייניצעלנע פון זיי קענען עטוואָס לייענען און שרייבען, קיין סימן פון ציוויליזאַציע איז נאָך צו זיי נישט דערגאַנגען. זייער גלויבען אין שדים און רוחות איז נאָך היינט פונקט אַזוי שטאַרק, ווי ער איז געווען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק. די גלויבען שטאַרק אין דער עקזיסטענץ פון פערשידענע גייסטער, וועלכע האַלטען דעם שיקזאַל פון די מענשען און אַפילו פון דער באַטור אין זייערע הענד. עס זענען פאַראַן, גלויבען זיי, צווייערליי גייסטער: אַזעלכע, וואָס בעווייזען זיך צו די מענשען אין דער געשטאַלט פון פערשידענע חיות, כדי דו בעלויבען די מענשען פאַר גוטע מעשים און בעשטראָפען — פאַר שלעכטע, און אַזעלכע — וואָס האָבען די זעלביגע פונקציעס ווי די ערשטע, אָבער זעהן קאָן מען זיי נישט. צווישען די גייסטער וועלכע בעווייזען זיך, געפינען זיך: „אילע־נאָווי" (אליהו הנביא) „שי־באדז", „נוס־געניך" און אַ סך אַנדערע. צווישען די, וועלכע בעווייזען זיך נישט, ווערען פערעכענט פאַר ווּיכטיגסטע: „אידאר", „זעמיר", „גודורבאַי" און „קעסען־באַי".

אַ בעזונדער אָרט אין דעם אָבערגלויבען פון די באַרג־יודען פערנעהמען די גייסטער „גודור־באַי", „קעסען־באַי", „אידאר" און „זעמירייי".

אליהו הנביא האָט ליב צו קומען מייסטענס שבת צו־נאַכטס. דערפאַר הייסט ביי די באַרג־יודען די נאַכט פון שבת אויף זונטאָג — „שעוו אילע־נאָווי" אליהו הנביא'ס נאַכט. קומען קומט ער אין דער געשטאַלט פון אַן אָרימען וואַנדערער אָדער אַלס דער „ווייסער גייסט", מיט אַ לאַנגער שניי־ווייסער באָרד. אין ערשטען פאַל, ד. ה., ווען ער קומט אַלס גאַסט איז דער, וואָס בעהמט איהם אויף גוט און גיט איהם גענוג עסען און טרינקען, מוז ווערען רייך. דער אָבער, וואָס לאָזט איהם נישט אַריין, מוז ווערען אַריימער און אָרימער ביז ער מוז סוף־כל־סוף אָנקומען צו בעטעל־ברויט.

ווען אליהו הנביא בעווייזט זיך אין דער געשטאַלט פון אַ ווייסען גייסט, וואָס פּאַסירט אויך נאָר שבת צו־נאַכטס, מוז מען איהם תיכף בעגריסען מיט די ווערטער: „שאַלום־אליקים"! און גלייך אויס שרייען „באַי"! וואָס הייסט — „רייך"! אויב עס געלינגט אויסצושרייען דאָס וואָרט אין דער ריכטיגער רגע, ווערט מען שטיין־רייך. אויב אָבער, זאָל די בייזע שעה נישט זיין, מען פערפּלאָנטערט זיך בשעת מעשה און אַנשטאָט „באַי" שרייט מען אויס „וואַי", וואָס דאָס הייסט צרה, איז, פאַר קיין יודען געדאַכט, זעהר ביטער — מען ווערט זעהר אָרים!....

לכבוד אליהו הנביא איז ביי די באַרג־יודען אַ מנהג, אַז שבת צו־נאַכטס באַלד נאָך הבדלה, גרייטען די ווייבער צו „באַקאַל", אַ ספּעציעלער מאכל און אַ גרויסע גלאַז ווין, וועלכע מען שטעלט אַוועק אויפ'ן טיש. טאָמער הייסט עס, קומט אליהו הנביא און וויל זיך נישט בעווייזען, זאָל ער פונדעסטוועגען האָבען עטוואָס צו נעהמען אין מויל און חלילה נישט אָוועקגעהען מיט ליידיגען...

אליהו הנביא קומט אויך אויף אַלע חתונות פערשטעלט אַלס בעטלער, דעריבער לאַדט מען איין צו וועטשערע, דערלאַנגט די באַלעבאַטען די אַלע און מען זעצט זיי אויס אין רעכטען אויבענאַן און מען גיט זיי צו עסען פון כל־טוב.

גודור־באַי און קעסען־באַי זענען די גייסטער פון פריהלינג און הערבסט, אידער דער פריהלינג אָדער הערבסט קומט אָן, מאַכט מען פאַר די דאָזיגע גייסטער ספּעציעלע יום־טובים. אידאַר איז דער נישט־אָנזעהעוודיגער גייסט פון אַלע געוויקסען. פון זיין כבוד וועגען איז אויך פאַראַן אַ ספּעציעלער יום־טוב, וועלכער הייסט „שעוו־אידאר". אידאַרס נאַכט. דער יום־טוב ווערט געפּראַוועט אויף אַזאַ מין אופן:

יעדע באַלעבאָסטע שטעלט דורכ'ן יאָהר פערשידענע פרוכטען און יאַגדעס. אין דער אידאר־נאַכט, צו וועטשערע, דערלאַנגט די באַלעבאָסטע די אַלע פרוכטען צום טיש אויף אַ טאַץ און האַלטענדיג די טאַץ אין דער הויך, ווינשט זי אַלעמען געזונד און אריכות ימים. נאָכדעם שטעהט אויף דער יונגסטער פון הויזגעזונד און נעהמט איבער די טאַץ, דאַנקענדיג פאַר די אַלע ווינשעוואַניעס און ער שטעלט די טאַץ אַוועק אויפ'ן טיש. בעת־מעשה, גלויבען די באַרג־יודען, קומט פאַר אַ גרויסער יום־טוב ביי אַלע בוימער און גראָזען, און די אָנגעזעהענסטע ער טער ביי אָט דער שמחה פערנעהמען די בוימער פון וועמענס פרוכטען דער מענש האָט מעהר הנאה. ביי דעם יום־טוב צוטיילען זיך אַלע בוימער און גראָזען אין גרופּעס פון דעם אייגענעם מין און טאַנצען און זינגען אויף פערשידענע שטימען. צום סוף פון דעם יום־טוב געהען אַלע ביימער און גראָזען אַוועק צום רבונו של עולם פון וועמען יעדער בוימעלע און גרעזעלע בעקומט פאַר זיך אַ קוויטעל פאַר דעם צווייטען יאָהר... דער פּשוט'ער מענש קען דאָס אַלצדינג נישט זעהן, נאָר הערען הערט מען: אין יענער נאַכט הערט מען ווי די ביימער רוישען ביז'ן ריכטען פאַרטאָג...

„זעמירייי" איז אַ זעהר נאָהענטער קרוב צו „אידאר". אין דער צייט פון אַ טריקעניש. ווערט פּראַקלאַמירט אַ תענית, און אַלע יודען, פון קליין ביז גרויס, געהען אַוועק צום בית־עלמין. די קינדער קעהרען דאָרטען איבער זייערע אויבערשטע קליידער אויף דער לינקער זייט און נעהמען זיך אַלע פאַר די הענד און טאַנצען אַרום די קברים זינגענדיג אַ ליד צו זעמירייי, אַז ער זאָל מאַכען רעגענען מיט גאַנצע „באַטאַמעס" — (עמערס).

אויסער די געוועהנליכע יודישע יום - טובים, וועלכע די באַרג־יודען פּראַווען מיט אַלע אייגענאַרטיגע מנהגים און צערעמאָניעס. זענען נאָך דאָ אַנדערע מנהגים און צערעמאָניעס, וועלכע זיי פּראַווען ביי לויות, חתונות, ברית'ן א. אַז. וו. די הויפּט־יום־טובים אָבער זענען: פּסח, וועלכער הייסט ביי זיי „ניסן", און פורים, וועלכען זיי רופען „המן". פון די וועניגער וויכטיגע יום־טובים וועלען מיר באַר דערמאַהנען „אראווא" (הושענא רבה) די נאַכט אויפ'ן זיבעטען טאָג סוכות. אין דער נאַכט קלייבען זיך צונויף אַלע מיידלעך און פערברענגען די גאַנצע נאַכט אין זינגען און טאַנצען. אין דער נאַכט פון הושענא רבה, גלויבען זיי, ווערט פערזיגעלט דער שיקזאַל פאַר יעדען מענשען און עס ווערט אַנגעצייכענט וועמען צו לעבען און וועמען צו שטאַרבען, וועמען עס זאָל זיין רייך און ווער אָרים, א. אַ. וו. פונקט 12 אַ זייגער ביינאַכט, גלויבען זיי, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגע דאָס פליסען פון די וואַסערען אין אַלע טייכען און באַך. דער רגע הויבען אָן די וואַסערען צו שטראָמען מיט אַ שטאַרקערען

(ווייטער דעה 9־טער זייט)

ערשטע אָריגינאַל־בילדער פון פליה צו דער סטראַטאָספערע



פּראָפ. פּיקאַר (לינקס) און זיין אסיסטענט קאָסינס (אין דער גאָנדאָלע־עפענונג).



דער באַלאָן האָט זיך אויפגעהויבען.

אידא זאָל

ערצעהלונג פון פרעדעריק בוטע

זי האָט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג צו איהם. מיט אַ בליק פיל שוידער און עקעל האָט ער די אויגען. דאָס איז געווען אידא. אַקטאַוו האָט זי זיך איצט צו איהם דערנעהנטערט. ער איז געזעצען פערליבט פון איהר אָנזעהן אין ווי אין אַ קאָשמאַר האָבען פאַר זיינע אויגען אָנגעהויבען שווינדלען ווירקליכקייט און חלום צוזאַמען. איהר קערפּער איז שוואַך געוואָרען און הערפּאָרמירט אין די שרייענדיגע קליידער, וואָס זי האָט געטראָגען — אָבער ער האָט דאָך, ווי דורך אַ נעפּעל, אַרויסגעזעהען די אַמאָליגע עלאַסטישע ווייכקייט פון איהרע בעוועגונגען; פון אונטער דער אויפרייסענדער גרימישבעדעקטער שמינקע אויף איהר פערפּראַסטעטען, פערגרעבט געזיכט האָט ער ווידער אויסגעשפּירט איהר פריהערדיגען בעחנ'טען פנימ'ל מיט די איידעלע שטריכען און קלאָרער הויט - פאַרב; פון דעם פערקאַלטענען געל - רויטען האָר - קנויל, וואָס האָט איינגעראַמט איהר קאָפּ, האָט פאַר איהם ווידער אויפגעשיינט דער זיידענער גלאַנץ פון איהרע אַמאַליגע גאָלדענע לאָקען. פון דער זייט האָט אַ האַלב־שיכור'ער גאַסט צוגעשטעלט איהר צוגעוואָרפען אַ פערטען וויץ און אַקטאַוו האָט דערהערט איהר הייזעריגליכע שטים, ווי די האָט וואולגאַר און וואָלעדיש איהם אָפּגעענטפערט אויף דער ערגסטער מאַרק - שפּראַך — און דאָך האָט אין לאַנסעלאָטס אויערן אָפּגעהילכט אַ פערטויבטער עכא פון איהר אַמאָליגען קלינגענדיגען האַרציגען און איידעלען קול'כעל.

„אָט דאָס איז פון איהר געוואָרען"?! — האָט לאַנסעלאָט אַ נידערגעשלאָגענער צו זיך אַליין גערעדט. — „דאָס האָב איך דערצו דערפיהרט דורך מיין פערלאָזען זי" — האָט איהם אַ געדאַנק געענבערט אין מוח.

ביז איצט פלעגט ער אָפּטמאָל זיך אַליין בעדויערען און עס איז איהם גאַרנישט איינגעפאַלען אַ קלער־צו־טון וועגען איהר גורל. אין דעם ערשטען מאָל האָט זיך איצט צו זיינע בעדויערונגען, צו זיינע דער'אינערונגען צוגעמישט דער געפיהל פון אַ בייסענדער חרטה, פון שניידיגען געוויסענביסען. אידא.... זי איז געוואָרען.... און דאָס צוליב זיין שולד....

זי האָט דערפיהלט זיין בליק און איז צוגעקומען נאָהענט צו איהם. אַקטאַוו האָט אינגאַנצען געציטערט: „צי האָט זי מיר דערקענט"? אָבער נייך: דער שלאַנקער יונגערמאַן מיט'ן גלאַטיקען פנימ'ל פון אַמאָל האָט איצט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גראָב בייכיגען, גרויליך באַבערדעלטיגען מאַנספערשוין מיט אַ פּאָר גאָלדענעברילען און אויף דער נאָז און מיט אַ פליך אויפ'ן קאָפּ, אָט דער בילד זייענער איז פאַר איהם איצט געוואָרען אַ טרייסט, אַז זי וועט אַ איהם נישט דערקענען.

אָהן צערעמאָניעס האָט זי זיך ווי אַ אויפגעגליטשט אויף דער קאַנאַפּע נעבען איהם און, ווי בעפעלעריש, אַ פרעג געטון:

— דו שטעלסט אַ גלעזעל? — און גלייך צום קעלנער: זשול, אַ גלאָז ווין, ביטע!

זי האָט געטרונקען, זיך איינגעקוקט אין איהם מיט אַ פּאָר מאַטע, אומגעוואויגליכע אויגען און אַ פרעג־געטון:

— וואָס האָסטו עפּעס אַזוי אויסגעגלאָצט די אויגען אויף מיר, ווען איך בין אַריינגעקומען? דו קענסט מיך דען? איך געפעהל דיר נישט? איך קען דיך גאַרנישט... אמת, איצט בעקענען מיר זיך שוין... — און צום קעלנער: הער, זשול, נאָך אַ גלעזעל!...

זי האָט ווייטער געטרונקען און אָנגעהויבען ווערען היימישער:

— איך האָב ליבער דעם רויטען ווין, ווי שאַמפּאַניער... יעדער האָט זיך זיין געשמאַק, — שט'אמת? וואָס האָסטו ליב? מסתמא גאַרנישט קיין שלעכטע, האַ?.. זעהסט אויס גאַר נישקשה'דיג,... דו קומסט פון פּראָווינץ אַביסעל אַ הוליע־טון, האַ? שטענדיג דאָס זעלבע דערעסט זיך, אַ ווייב אויך, וואָס? איך לעב־צו־צו יעדען טאָג... יעדען אָוונט... איך הייס אידא. מיך קען די גאַנצע געגענד... איך בין שוין דאַ אַנ'אַלטער גאַסט...

זי האָט פּלוצים אָפּגעהאַקט און די אויגען איהרע זענען שיכור'דיג־פערשטאַרט געבליבען שטיין אַ אויף לאַנסעלאָטען.

— אַזוי! איהר זייט שוין דאָ אַנ'אַלטער גאַסט...
— האָט ער אויסגעשטאַמעלט.

— נו, יאָ, נו, שוין לאַנג... גאַנץ לאַנג קום אַהער... איך געדענק אַליין נישט... אָבער ווען דו וואָלסט מיך געזעהן אַמאָל... אַלע מענער האָבען אַרומגעטאַנצט אַרום מיר... צום טייוועל, איך בין געווען זעהר שיין... קענסט גלויבען, ס'אַפילו געווען אייגענער, שוין גאַנץ לאַנג, נאָר פון אַגהויב, וואָס האָט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבען... הערסט? מיך נעהמען פאַר אַ ווייב.... מיר אַריינפיהרען אין זיין משפּחה אויף פּראָווינץ... כאַ - כאַכאַ... ר'האָט געמיינט, אַז כ'בין אַנ'אנשטענדיגע, און פּלוצלונג איין איין שיינעם פריהמאָרגען, פיו... ר'איז אַוועק אין זיין פּראָווינץ און מעהר נישט געלאָזט הערען פון זיך...

זי האָט אַ ווילדע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט געענדערט דעם טאָן און אָנגעהויבען ווייטער רעדען אייליג!

— ווען איך וואָלט געווען אַזאַ, ווי ער האָט געמיינט... ווען איך וואָלט איהם געליבט אַזוי, ווי ער האָט געגלויבט... שווער איך דיר, אַז איך וואָלט שוין לאַנג איינגענומען סם.... צום גליק, בין איך נישט געווען אַזאַ גראָז־געגנזעל... כ'האָב שוין געקאַנט די מענער... בין איך איהם פערלאָפען דעם וועג און איהם פערדאָטען מיט אַלע מיינע בעקאַנטע... און זעהסט, ער האָט כשר פערדינט... ער האָט דאָס בעוויזען מיט זיין אַוועקוואַרפען מיך...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער קאָפּ האָט זיך איהר פערוואַקעלט און האָט אָנגעהויבען איינשלאָפען. ה' לאַנסעלאָט האָט צוגערופען דעם קעלנער, אויף גיך איהם בעצאָהלט, דאַן האָט ער אַריינגעשטאָפּט אַ פּאַק באַנקנאָטען אין אידאַס האַנד־בייטעל און איז בעלם געוואָרען.

ער איז געווען אויסער זיך. איהרע רייד האָבען איהם אויפגעטרייסעלט אין ער האָט גאַרנישט געקאָנט קומען צו זיך. ווען האָט זי, אַלזאָ, געזאָגט ליגען? אמאָל? היינט? זי האָט איהם טאַקע די אַמאַליגע אידא פערדאַמטען? אויב עס זאָל זיין אמת דאָס, וואָס זי זאָגט היינט, וואָלט ער, אייגענטליך, נישט געדאַרפט האָבען קיין געוויסענביסען... אָבער ניין, דאָס איז נישט מעגליך.... יענע אידא האָט איהם נישט געקאָנט פערדאַמען... דאָס האָט זי ספּעציעל אַזוי געזאָגט... דאָס איז אַ נקמה־אַקט פון דער היינטיגער אידא, וועלכע האָט איהם יאָ דערקענט... אַ ראיה: ער האָט זי אויך דערקענט... האָט זי געוואָלט זיך נוקם זיין אין איהם דערבידערדיגען, בעליידיגען און בעשפּייען...

און פאַר זיינע אויגען האָט ווידער פאָרגעשוועבט דער בילד פון דער ריינער צאַרטער און נבאַאיווער אידא פון אַמאָל און האָט געפּייניגט זיין מוח: „דאָס האָב איך פון איהר געמאַכט אַזאַ תל".... דאָס האָב איך זי דערצו דערפיהרט....

(סוף).

איבערזעצט פון פראַנצויזישען

א. מ. מלויער.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזשער לעבען

נייער פאלקסבלאט

זונטאג
יט
21
מנחם אב תרצ"ב

אויגוסט
זון-אויפגאנג 4.25
זון-אונטערגאנג 6.53

פון האנדעלס-געריכט

טשעכאווע אנקלאגע געגען די סינדיקען פון דער לאדזשער האנדעלס-באנק. — פירמע „עדמונד וואשילעווסקי" אונטער אנ'אופאדלאשטש

אין האנדעלס-געריכט, איז נעכטען אנגעקומען אנ'אנקלאגע פון די הויפט-קרעדיטארען פון דער באנקראטירטער לאדזשער האנדעלס-באנק.

אין דער אנקלאגע ווערט געזאגט, אז דעם 20-טען יולי ד. י. איז פארגעקומען די 5-טע גע־וועהנליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון די אקציא־נערען, וועלכע זענען גערופען געווארען דורכ'ן ראט פון דער באנק. דער טאג-ארדנונג פון די פערזאמ־לונגען, האט ארומגענומען א גאנצע רייה פונקטען, צווישען אנדערע: באריכטען פון ראט און רעוו.-קאמיסיע פון בעשטעטיגען בילאנסען פאר'ן יאהר 1931, א חוץ דעם נאך א גאנצע רייה פארשלאגען

די אנקלאגער זעהען איין, אז די לאדזשער האנ־דעלס-באנק, וועלכע געפינט זיך איצט אונטער'ן אוי־פאדלאשטש, האט דער ראט נישט קיין רעכט צו רופען אלגעמיינע פערזאמלונגען פון די אקציאנער'ען ס'קענען נאר גערופען ווער'ען אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונגען, און דערנאך צו אינפארמאציע-צוועקן, וואס האבען א שייכות צום אופאדלאשטש.

די אונטערגעשריבענע אויף דער אנקלאגע בע־טען דערום, אז דאס געריכט זאל מבטל מאכען אלע בעשלוסען, וואס זענען אנגענומען געווארען אויף די פערזאמלונגען, מחמת זיי האבען נישט קיין שום יורידישע ווערט.

די אקלאגע וועט בעטראכט ווער'ען אויף איי־נער פון די נאהענטסטע זיצונגען פון האנדעלס־געריכט.

* * *

אויפ'ן ארט פון דעם ביז־איצטיגען געריכטס־אויפזעהער פון דער פירמע „יוליוש ראזענ'ס יורשים" — הילשער, איז נאמינירט געווארען וול. גאבערלע.

* * *

מחמת דעם וואס די קרעדיטאר'ען פון דער פירמע „ג. בערנהארד", האבען זיך נישט גע־שטעלט צו דער ערשטער קרעדיטאר'ען-פערזאמלונג, האט דאס געריכט בעשטימט א נייעם טערמין פון 1 וואך אויף אנצומעלדען די פרעטענציעס.

* * *

אויף דער נעכטיגער זיצונג, האט דאס האנ־דעלס-געריכט פערעפענטליכט אנ'אופאדלאשטש דער פירמע עדמונד וואשילעווסקי, מאנופאקטור-סוחר. (פיעטרקאווער 152 און שיענקעוויטש 67).

דער צייטוו. טערמין פון פערעפענטליכען דעם אופאדלאשטש, איז בעשטימט געווארען אויפ'ן 16 אויגוסט 1932. וו. איז געשטעלט געווארען אונטער פאליציי-אישער אויפזיכט.

* * *

דאס געריכט האט דער פירמע „בעלטינג" פער־לענגערט דעם גלייט אויף ווייטערע 3 חדשים.

* * *

אין שייכות מיט דעם אופאדלאשטש פון דער פירמע „וולאדארסקי, סטאוויצקי און שותף", האט דאס געריכט בעשטימט א צווייטען טערמין, אויף אנצומעלדען די פרעטענציעס.

שטרייק אין דער גאנצער זגערזשער טעקסטיל-אינדוסטרי

(2) אין שייכות מיט די סכסוכים, וואס זענען אויסגעבראכען אין דער זגערזשער אינדוסטריע, מחמת דעם אפזאג צו געבען אורלויבען, און וועלן רייסען די לוינען – זענען נעכטען אפגעשטעלט געווארען אלע זגערזשער טעקסטיל-פאבריקען.

עס האבען געווארפען די ארבייט אנ'ערך 1500 ארבייטער.

אין משך פונ'ם נעכטיגען טאג זענען אדורכ־געפיהרט געווארען עטליכע טעלעפאנישע געשפרע־כען צווישען דעם לאדזשער ארבייטס-אינספעקטאראט און פערשידענע אונטערנעמונגען.

אויף מארגען זאל צוזאמענגערופען ווערען א קאנפערענץ צווישען די ארבייטער און די אר־בייטס-געבער מיט'ן אנטייל פונ'ם ארבייטס-אינס־פעקטאר.

* * *

(2) ווי מיר דערוויסען זיך האט די שטרייק־אקציע איבערגענומען דער ז.ז.ז. לויט וועלכענס איניציאטיוו דער שטרייק איז אויסגעבראכען אין אלע פאבריקען.

די פאספארטען-אפערע אין קאליש

די מעשה פערנעהמט זיך אלץ ברייטער און ברייטער

(2) לויט ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט איז אינמיטען פאריגען חודש ענטדעקט געווארען, א גרויסע פעסער-אפערע אין קאליש און אין צו־זאמענהאנג דערמיט איז ארעסטירט געווארען דער בעאמטער פון קאלישער קרייז-סטאראסטווע, סא־דאווסקי און זיינע 2 שותפים.

די אויספארשונג אין דעם ענין איז נאך נישט פערענדיגט געווארען.

זי ווערט נעמליך געפיהרט סיי אין לאדז סיי אין קאליש, און לעצטענס איז זי אויך אריבער נעטראגען געווארען קיין פויזען, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז די געפעלשטע פעסער האבען אויך אנגעשפארט קיין פויזען.

אין שייכות מיט די נייע בעלעסטיגענדע מאטעריאלען, זענען נעכטען ארעסטירט געווארען די 2 קאלישער סוחרים: שוויערקאווסקי און קראה, מאן, אלס בעשולדיגטע אין קויפען געפעלשטע אויסלענדישע פעסער.

מ'רעכענט, אז די אויספארשונג וועט דויערן נאך עטליכע וואכען.

זיך צובראכען ביידע פיס

אז מ'לאזט איבער א גייסטיג-קראנקען אהן אויפזיכט

(2) דער 28-יאהריגער יאקוב פיאטרקאווסקי ליידעט שוין א לענגערע צייט פון א גייסטיגער קראנק־הייט.

נעכטען, בעת אין דער וואוינונג (אויף לו־טאמיערסקא 7)) איז קיינער נישט געווען, איז דער גייסטיג-קראנקער ארויסגעשפרונגען פון פענסטער פון 1 שטאק און זיך צובראכען ביידע פיס.

מ'האט ארויסגערופען פאגאטאוויע און אריבער געפיהרט איהם אי'ן שפיטאל אויף דרעוונאוסקא.

גנבות נאך גנבות

עס העלפען נישט קיין אבלאוועס אויף די גנבים

(2) עהערנעכטען ביינאכט איז אין לאדז ארגאניזירט געווארען אנ'אבלאווע, און דערביי איז פערהאלטען געווארען א גאנצע רייה פערברע־כער – דער-עיקר שטוב-גנבים.

אז דאס איז א „ברכה לבטלה" בעווייזט דער פאקט, או נעכטען ביינאכט האט מען ווידער גע־גנב'עט :

איטא הענדעל (פיעטריקאווער 56) מ'האט ביי איהר גע'גנב'עט וועש פאר אנ'ערך 700 זלא־טעס.

ביי יוזעף יאשינסקי'ן (פון זשעראמסקיעגא 23) האט מען ארויסגע'גנב'עט מלבושים פאר 400 גילדען.

ביי דוד קאזשעניצקי (אויף נאוואקא 24) האט מען צוגענומען מלבושים, געלד און וועקס־לען.

ביי גוסטאוו פאמיליער'ן (11 ליסטאפאד 75) – מלבושים פאר 800 זלאטעס.

ביי לייב באהאריער (מעלטשארסקיעגא 16 – מלבושים פאר 600 זלאטעס.

ביי יוזעפא קרישעק (פל. 1 מאי 25) – וועש פאר 300 זלאטעס.

ביי הערש ראלניצקי (קילינסקיעגא 23 – מלבושים און וועש פאר 500 זלאטעס.

ווען אימשע-יאסעל בעקער (קש. בזשאזקי 5) האט זיך געקוויקט מיט א בילד אין קינא „קארסא" האט מען ביי איהם ארויסגעגנב'עט א פארטפעל מיט געלד און דאקומענטען.

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

היינט ביינאכט דיזשורירען: וו. דאנצער (זגער זשער 57), ס. טראוקאווסקי (11 ליסטאפאד 15), ס. גארפיין (פילסודסקיעגא 54), ס. בארטאשעוו־סקי (פיעטרקאווער 164), ר. רעמבעליגסקי (אנ־דזשעיא 28), א. שימאנסקי (פשענדזאלניאנא 75).

דעפעשען אין די צוגען

(2) לויט ווי מ'אינפארמירט אונז פון דער שטאטישער באהן-מאכט, וועלען פאסאזשירען אין דער באהן קאנען אנגעבען טעלעגראמען אין אינ־לאנד און אויסלאנד.

די דעפעשען קאנען אנגעגעבען ווערען אין די באהנען דורך דער פערמיטלונג פון רעוויזיאנס־קאנדוקטארען (אזויגערופענע קאנטראלערען).

זעלבסטמארד

(א) אין דער אוביקאציע אויפ'ן לעאנהארד־פלאץ האט זיך נעכטען גע'סמ'ט מיט עסיג עסענץ דער 41 - יעהריגער ארבייטסלאזער וואיטשעך יושטשאק, וועלכער איז אראפגעקומען פון דארף זוכען פרנסה און נישט געפונען. פאגאטאוויע האט איהם אפגעפיה'ט אין שפיטאל.

נקמה פון אנ'אקס

(א) אין דארף בראדי, קאלישער קרייז, האבען זיך שקצים'לעך פאסטוכער געריצט מיט אנ'אקס ; איז דער אקס ארויס פון די כלים און איינעם פון זיי, דעם 14-יאהריגען סטאניסלאוו בארוטא דער'הר'געט מיט די הערנער.

די אויסצאהלונגען פון דרינ־גענדע אונטערשטיצונגען פאר ארבייטסלאזע

הויבט זיך אן דעם 25 ד. ח.

דאנערשטאג, דעם 25 אויגוסט דארפען זיך מעלדען די ארבייטסלאזע, וואס זייערע פאמיליען־נעמען הויבען זיך אן מיט די אותיות :

A B C D E F G H I J K L Ł

דאנערשטאג, דעם 26 ד.ח.-מיט די אותיות

M N O P R S T U W Z Ź Ż

א שטרייק אין דער „ווידזעווער מאנופאקטור"

(א) אזוי-ווי די לייטונג פון דער „ווידזע־ווער מאנופאקטור" האט געוואלט רייסען 20 פרא־צענט פון די לוינען און דער אזויגערופענער „עגיפטישער שפינערי", האבען אלע ארבייטער פון דער דאזיגער אפטיילונג אין דער צאהל פון 400 נעכטען פערשטרייקט.

די וואך פון ל. א. פ. פ.

וועט פארקומען אין לאדז פון 11 ביז'ן 18 סעפטעמבער

(2) די וואך פון דער ליגע פאר לופט-שוץ פון דער מלוכה, וואס איז אין גאנצען לאנד פארגעקומען פונ'ם 5 ביז'ן 12 יוני איז אין לאדז, מחמת פער־שידענע סיבות אפגעלייגט געווארען און וועט פאר־קומען ערשט פון דעם 11 ביז'ן 18-טען סעפטעמבער.

אין פראגראם פון דער דאזיגער וואך זענען אנגעמערקט א סך אימפרעזעס.

שילער אנשטאט וועבער

א סכסוך אין א פלוש-פאבריק

(2) לעצטענס איז אויסגעבראכען א סכסוך אין דער פלוש-פירמע „גייער און בעקער" (קאנטנא 5 דערפאר, וואס אין דער פאבריק ווערען צוגענומען ארבייטער פון דער טעקסטיל-שולע, און דאס ברענגט מאטעריעלען שאדען די קוואליפיצירטע וועבער, וועל־כע ווערען אפגעזאגט פון זייערע פאסטענס.

וועגען דעם ענין האט אינטערוועניר'ט דער ז.ז.ז. און אויפ'ן 26 ד. ח. איז צוזאמענגערופען געווארען א קאנפערענץ פוןביידע צדדים אונטער'ן פאר־זיץ פון ארבייטס-אינספעקטאר.

די אדמיניסטראציע-קאסטען

אויף די רעכנונגען פון דער גאזאווניע

(2) אין די קליינהענדלער-פאראיינען און לעצ־טענס ענטשטאנען די איניציאטיוו צו אויספועלן ביי דער גאזאווניע, אז עס זאלען סקאסיר'ט ווער'ען די צוגאב-אפצאהלען, ווי פאר דער אמארטיזאציע פון די גאז-זייגערס, פאר די פערשידענע אדמיניסטרא־ציע-קאסטען א.ד. גל. מיט וועלכען די גאז-רעכע־נונגען ווערען בעזונדערס בעלעסטיגט.

היינט און פאלג. טעג !
גרויסער פראטישער זיטען-פילם
פון לעבען פון די מאדערנע חתונות
אונטערן נאמען:
„פרעמדע
איז דערלויבט צו קושען"
ווען ? וואו ? און ווי אזוי? ענטפער וועט ערטיילען די פאפולערסטע „גרושה"
און העלדין פון פילם „פרייע נשמות"
Norma Shearer
אין דער געזעלשאפט פון
Robert Montgomery,
Neil Hamilton
אנהויב פון 1-טען סעאנס 2.30 נאכמ.,
לעצטער 10.15 אווענד.
דער זאל איז מעכאניש
ווענטילירט און געקיהלט.

בעקאנטמאכונג.
די בעוואוסטע און רענאמירטע
קאנקורענץ-פערפומעריע
י. דרוקער
5 זאוואדזקא 5
טעל. 175-92
מאכט בעקאנט איהרע געעהרטע קונדשאפט, אז פון 1-טען אויגוסט ה.י
זענען די פרייזען אויף אלערארט קאסמעטיק
ווייטער רעדוצירט געווארען
עמפפעהלט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע פאריזער פערפומען, די פיינסטע פודערן, טואלעט-זייפען א. א. וו.
בעמערקונג: ענגראסיסטען
בעקומען ספעציעלען ראבאט !!!

שיער נישט א לופט-פליה-קאטאסטראפע

(2) מיט 2 טאָג צוריק איז אויף די פעלדער פון דאָרף ציענזשקאָוויץ (ראַדאָמסקער קרייז), מחמת א דעפעקט אין מאָטאָר, געצוואונגען געווען אויס-צולאַנדענען א קריגס-עראָפּלאַן, וואָס געהערט צום פערטען פליה-פּולק.

דער עראָפּלאַן איז שטאַרק בעשעדיגט גע-וואָרען.

די ביידע פּילאָטען: די פּאָרוטשניקעס קשי-מאַצקי און כזשאַנאָווסקי האָט גאָרנישט געשאַדט.

נאָכ'ן פעררינכטען די נויטיגע טיילען איז דער עראָפּלאַן אויף צומאָרגענס אָפּגעפלויגען ווייטער.

געשיקטע גנבים-באַנדע ארבייט אויף די צוגען

(א) נעכטען האָבען גנבים אין פּאַסאַזשיר-צוג קאַלושקי — קראָקע אויסגעשניטען א קעשענע ביי איינעם וויטאָלד מאַצקעוויטש (פון לאָדז, קילינסקיעגאָ 7) און ארויסגעגנבעט א פּאָרטפעל מיט 4000 זלאָטעס געלד, דאָקומענטען, וועקסלען און אַנ'אויסלענדישען פּאַס.

א פערעקשנטער נישט-צאהלער

(א) איגנאַצי סלאָווינסקי פון טושינער 11 האָט געקומט א חוב איינעם אברהם מאַזלער, און כנהוג, נישט געוואָלט בעצאָהלען. איז עס דער-גאַנגען ביז'ן קאָמאָרניק. אָבער געגען קאָמאָרניק האָט זיך סלאָווינסקי געגעבען אַנ'עצה און בעהאַל-טען די אָפּגעשריבענע זאַכען. איצט האָט איהם דערפאַר דאָס געריכט פערמשפּט אויף 3 חדשים טורמע.

קוילען-גנבים מיט רעוואָלווערן

(2) אויף דעם משאות-צוג, וואָס איז בעכטען ביינאַכט פערבייגעפאָהרען די סטאַציע ראַני, זע-נען ארויפגעשפּרונגען גנבים און אָנגעהויבן אַראָפּ-צושיטען קויהלען.

דער פּאָליציאַנט האַראָן האָט דאַן אָנגעהויבען צו שיסען אין דער ריכטונג פון די גנבים און זיי זענען ענטלאָפען.

לויט די רייד פון דעם טאָרמאַזשטשיק דוקטאָר האָבען די גנבים אויף איהם געשאָסען פון רע-וואָלווערן.

פּאָליציי זוכט די בעוואָפענטע גנבים.

נאָר 10 גאַסטשפּילן

טעאַטער „סקאַלא"

שרודמיעסקאַ 15, טעל. 232-33

נאָר 10 גאַסטשפּילן

פון די בעריהמטע יודיש-דייטשע ארטיסטין פון ווינער און בערלינער טעאַטערן

מאַגדא קאַרמען

וועלכע וועט אויפטרעטען צום ערשטען מאָל אין פּוילען היינט, זונטאָג, 9 אָוועגד אין דער פרעהליכע קאָמעדיע אין 3 אַקטען פון פ. לונטשער און א. פרידמאַן

„מאַדאַם לאָענגרין"

רעזשי: מאַגדא קאַרמען. יודיש: ס. וויינשטאַק. בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון „סקאַלא"

מיטגעפיהל-דעפעשען צום מלוכה-פּרעזידענט

צוליב'ן טויט פון דער פרוי פון מלוכה-פּרעזידענט, האָט די לאָדזער יודישע קהלה לעצטען פריי-טאָג אַרויסגעשיקט אויפ'ן אַדרעס פון פּרעזידענט פאָלגענדע קאָנדאָלענץ-דעפּעשע:

„טיף געריהרט צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון דער פרוי פּרעזידענטין, שיקט דיר איבער, געאַכפּערטער העך פּרעזידענט, אינ'ם נאָמען פון דער יודישער בעפעלקערונג, אויסדרוקען פון מיט-געפיהל די לאָדזער יודישע קהלה".

* * *

צום טויט פון דער מלוכה-פּרעזידענטין האָבען נעכטען צוגעשיקט צום מלוכה-פּרעזידענט א מיטגע-פיהל-דעפּעשע אין נאָמען פון די לאָדזער בירגער דער וויצע-וואָיעוואָדע פאַאַצקי, געגעראַל מאַלאַ-כאָווסקי, ביסקופּ סופראַגאַן קאָשימיערזש טאָמטשאַק, דעפּ. וואָלטשינסקי, און דער פּרעזעס פון די לאָד-זער בערזע סטאַניסלאַוו ניידער.

אין שייכות מיט דער לויה פון דעם מלוכה-פּרעזידענטס פרוי

(2) נעכטען זענען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לויה פון דעם מלוכה-פּרעזידענטס פרוי, אויסגעהאָנגען געוואָרען נאַציאָנאַלע פעהנער אין אַלע הייזער און אויף די טראַמוואַיען.

א גרויסער טייל פון די פעהנער איז געווען איינגעוויקעלט אין קרעפּ.

פאַרמיטאָג זענען פאָרגעקומען גאָטעס-דינס-טען אין אַלע בתי-תפילות.

10 א זייגער מיט 45 מינוט איז פערהאַל-טען געוואָרען די ראָד-בעוועגונג אין דער גאַנצער שטאָט אויף 3 מינוט.

אפּגעשטעלט אלע זאקען-פאבריקען אין אלעקסאנדער

(2) גלייכצייטיג מיט'ן שליסען דעם קאָל/עק-טיווען אָפּמאַך אין דער טעקסטיל-אינדוסטריע (אין אָקטאָבער 1928) איז אַנ'עהנליכער אָפּמאַך גע-שלאָסען געוואָרען אין דער שטאַרק-ענטוויקעלטער זאָקען-אינדוסטריע אין אַלעקסאַנדער.

היי-יאָהר האָבען אַלע זאָקען-פאַבריקען אדורכ-געפיהרט א בהדרגה'דיגע לוין-רעדוקציע.

די אַרבייטער פון דער דאָזיגער בראַנזשע האַלטען, אַז דער לוין-טאַריף פון 1928 איז אַזא בעשיידענער, אַז ער האָט נישט גענדאַרפט געריסען ווערען.

עס זענען דער בער אויסגעבראָכען סכסוכים אין די זאָקען-פאַבריקען, און עטליכע פון זיי האָ-בען זיך שוין אָפּגעשטעלט מיט א פּאָר טעג צוריק.

דערוויסענדיג זיך וועגען די שטרייקען, מחמת די לוין-רעדוקציעס, האָבען די איבעריגע אַרבייטער אויך געוואָרפען די ארבייט.

אַזוי-אַרום האָבען זיך נעכטען אין אלעקסאַנ-דער אָפּגעשטעלט אַלע פאַבריקען.

לאמפען

אין א גרויסען אויסוואַהל מאָדערנסטע סטיל - אַרטען צו רעדוצירטע פּרייזען

עמפּפעהלט די בעקאַנטע

לאַמפּען-פאַבריק

SZ. P. SZMALEWICZ

Południowa 8, telefon 164-39

פיהרט אויס בעשטעלונגען לויט אָנגעגעבענע צייכנונגען.

די גרויסע פערוויילונג פון רעגיאָניסטען-פערבאַנד

עס קומט פאָר היינט, זונטאָג אין דעם סטאַ-פאַנסקי-פּאַרק אין רודע-פּאַביאַניץ.

דאָס פּראָגראַם איז רייך מיט אַטראַקציעס.

איינגאַנג — א זלאָטע; פאַר שילער און זעל-נער — 50 גראָשען.

ארויסגעפאהרען אויף פרישע לופט

און מ'האט איהם צוריקגעבראכט כמעט א טויטען

(א) איינער, לעאָן קנעטעל (פון קילינסקיעגאָ 162) איז אַרויסגעפאָהרען א ביסעל אויף פרישע לופט קיין גאַלקובעק. אין ער דאָרט בעפאַלען גע-וואָרען פון 2 אומבעקאַנטע פערשוינען, וועלכע האָ-בען איהם אַזוי געשמאָלטען דעם קאָפּ, אַז ער גוססט איצט אין א לאָדזער שפּיטאָל.

היינט פערוויילונג אין העלענאָוו לטובת „תומכי אורחים"

היינט, זונטאָג 2 א זייגער נאָכמיטאָג הויבט זיך אָן אין פּאַרק „העלענאָוו" די גרויסע פערוויי-לונג לטובת דעם הילפס-פעראיין „תומכי-אורחים".

די פערוויילונג איז פאַר דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג א גרויסע אַטראַקציע, צוליב דער אַרויסטרעטונג פון וועלט-בעריהמטען איטאַליענישען אָפּערן-זינגער גוסטאַוו שמיידלער.

היינט אין די יודישע טעאטערס

„ווילנער טרופּע"

די פרייטאָגדיגע פּרעמיערע פון ה. לייוויק'ס דראַמע „אָרימע מלוכה", איז אדורך מיט א רוי-שיגען ערפאָלג.

היינט ווידערהאָלונג פון „אָרימע מלוכה" צו פּאָפּולערע פּרייזען.

אין „סקאלא"

די פּרעמיערע „מאַדאַם לאָענגרין" מיט מאַג-דא קאַרמען אין דער הויפּטראָלע, וואָס האָט נעכ-טען געהאַט גרויס ערפאָלג, ווערט היינט אָוועגד ווייטער געשפּילט.

אין „פילהארמאניע"

היינט זונטאָג ווערט געגעבען צום 3-טען מאָל מיט מריע קאַראַלאָווא אין דער הויפּטראָלע די אָפּערעטע „רייזעלע פון כינע" מיט 25 נומע-רען געזאַנג און טאַנץ.

DR. MED. J. ŁUBICZ

כירורג-ארטאָפּעד

פאַלודניאַווא 9, טעל. 183-17

קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער

אייגענע פּראַצאָווניע פון זעלבסטליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען ווי: אָקלאַדמעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גאָרסעטען א. אז. וו.

צוריקגעקעהרט

נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

PRYWATNE POGOTOWIE LEKARSKIE

TEL. 12-333 ZIELONA № 6.

Szybka pomoc lekarska.–PRZEWÓZ CHORYCH

ר. איזראעל

דאס בופעט-מיידעל

א סענסאציאנעל-עראטישער ראמאן פון דער לאדזער ווירקליכקייט

(98

מאַנקע איז אַוועק פון אַדוואָקאַט מיט דעם איי-נעם געדאַנק זיך צו בעמיהען, אַז פראַנקענשטיין זאָל קענען אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד, ווי אַזוי זאָל קענען אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד, ווי אַזוי וועמען זיך אַנ'עצה צו האַלטען האָט זי אויך נישט מעהר געהאַט. ס'איז שוין געווען נאָך בערישס לויה און איצט האָט זי ערשט דערפיהלט, ווי ס'פעהלט איהר דער דאָזיגער פרימיטיווער, פּראָסטער, אָבער גוטער מענש. דער דאָזיגער געוועזענער גנב, וועל-כער האָט ערנסט בעטראַכט זיין פאַך, אָבער אויך ערנסט, הגם זעהר פּשוט, בעטראַכט אַלע אַנדערע זייטע אויפגאַבען אין לעבען.

— מיט וועמען זאָל איך איך בעראַטען? ווע-מען קען איך דערצעהלען אזא גרויסען סוד, וואָס איך טראָג אין האַרצען? אויסער מיר און בערישען האָט דאָך קיינער וועגען דעם נישט געוואוסט, און פון דער צווייטער זייט, וויל איך אָהן אימיצענס הילף נישט אויסקומען. זי האָט אָבער נאָך געפּרובט צו זוכען גליק און איז אַוועק צו „משה יאַט", וועלכער האָט זיך געהאַט זעהר שטאַרק איבערגענומען מיט דעם טויט פון דיין פריינד.

„משה יאַט". כדי זיך ביי איהם כלומרשט צו האָר-גען געלד, מיט וועלכען זי האָט געטראַכט אַוועקצו-שיקען פראַנקענשטיינען אויף אַנ'אומלעגאַלען וועג, קיין אויסלאַנד.

„משה יאַט" איז ווירקליך געווען שטאַרק נער-וואַגה'ט צוליב'ן טויט פון בערישען. ער האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפונען. די געהיימנישפולע מאָרדען, וואָס זענען לעצטענס, אָהן פאַר ווען און פאַר וואָס, פאָרגעקומען אין דער רייהע פון די אַלטע חברה-לייט, האָט אַרויסגערופען אַנ'אומבעשרייבליכען פּאַניק צווישען אַלע, סזיי האָבען מורא געהאַט, אַז יעדע מינוט קען ווידער פאָרקומען א נייער איי-בעראַשענדער מאָרד און די מהומה האָט זיך בסדר גאַשטאַרקט, וויפיל זיי זאָלען נישט האָבען וועלען דערגעהען די סיבה, פאַר וואָס מען שיסט זיי, פאַר וואָס מען מאָרדעוועט זייערע מענשען, האָט זיך זיי דאָס נישט איינגעגעבען.

בעת מאַנקע איז אַריינגעקומען צו „משה יאַט", איז ער טאַקע געזעסען ביי א טישעל צוזאַמען מיט נאָך עטליכע זיינע מענשען און זיי האָבען גערעדט וועגען דעם מאָרד פון בערישען.

ווען זיי האָבען דערזעהען אַריינקומען מאַנ-קען, האָט זיך איינער פון די זיצענדע ביים טישעל אָנגערופען:

— און איך זאָג אייך, אַז מאַנקע ווייסט אַלץ, זי איז שטום ווי א פיש און וויל קיין וואָרט נישט רעדען. פון איהר וואָלטען מיר זיך אַלץ געקענט דערוויסען.

— דאָס איז אמת, באַט משה יאַט געזאָגט, איך מיין אויך, אַ זמאַנקע ווייסט דאָ, אויך נישט אַלץ, איז זעהר פיל. מאַנקע, דו זעהסט דאָך, אַז מיר זענען אַלע אין געפאַהר, אַז אימיצער האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונז און וויל אונז אַלעמען אַוועקשיקען אויף יענער וועלט. פאַרוואָס זאָלסט דו אונז נישט זאָ-גען, וואָס דאָ טוט זיך, מיר האָבען דאָך דיר קיין שלעכטס נישט געטון.

מאַנקע איז געווען ערנסט, זי האָט נישט געענט פערט אויף די פערשידענע פאָרוואורפען, וואָס מ'-האָט איהר איצט געמאַכט פון אַלע זייטען, הגם זי האָט געוואוסט, אַז די פאָרוואורפען זענען גערעכטע.

— זעהסט, זי איז געוואָרען א גאַנצע דאַמע, זי האַלט זיך אַזוי, ווי זי וואָלט אין דער מאַמעס בויך שוין געווען א „וויטישע", האָט איינער פון דער חברה געזאָגט.

— איך בעט אייך, בעליידיגט מיך נישט, טרעט נישט מיט די פיס אויף מיינע וואונדען, איך בין אין דערוועלבער געפאַהר, אין אפשר נאָך אין א גרעסערער ווי איהר און איך ווייס פונקט אַזוי פיל ווי איהר.

— ניין, מאַנקע, ס'איז נישט אַזוי, איך האַלט אַז מ'דאַרף דיך נישט בעליידיגען, איך האַלט, אַז דו שטעהסט העכער פאַר אונז אַלע, אָבער איצט זאָגסט דו נישט דעם אמת. דו האָסט לעצטענס געהאַט מיט בעריש'ן פערשידענע סודות, וועלכע איך האָב דיר פערגינען מיט'ן גאַנצען האַרצען, אָבער איצט האָב איך א חשד, אַז די סודות זענען נישט געווען גלאַט אַזוי פאַר פערגעניגען, נאָר האָבען געהאַט א שייכות צו דעם אַלעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

— איך ווייס נישט, אָבער איך דערמאָהן זיך אין בעריש'ס ווערטער. ווען ער האָט צו דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט מאַכען קיין שום געשעפטען מיט יונגע שקעס, וועלכע קומען פון צייט צו צייט צו דיר אין דער מלינה. אפשר שטאַמט דאָס אַלץ פון דאָרטען.

משה האָט זיך א קראַץ געגעבען אין קאָפּ מיט אַזא מינע, ווי ער וואָלט דאָרט אָנגעפרעגט צי וואָס מאַנקע זאָגט איז אמת.

— דו ווייסט מאַנקע, ס'הויבט מיר אָן איינצו-פאַלען, אַז בעריש איז דעמאָלט גערעכט געווען איך שווער דיר, אַז איך וועל זיי טרייבען ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, מעהר וועלען זיי מיין שוועל נישט איבערטרעטען.

— משה, האָט מאַנקע איבערגעריסען דעם דאָ-זיגען געשפּרעך, איך בין אַהערגעקומען וועגען גאָר אַנ'אַנדער ענין. איך האָב צו דיר א גרויסע בקשה.

— וואָס ווילסטו מאַנקע. איך בין גרייט פאַר דיר צו טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגליך.

ס'איז נישט קיין אויסערגעוועהנליכעס. איך וויל ביי דיר באָרגען עטליכע הונדערט זלאָטיס.

(פאָרטזעצונג קומט).

ערב גענעראל-שטרייק אין ענגלאנד

לאנדאן, 20 (ספ. טעל.)

די שטרייק-סיטואציע אין טעקסטיל-ראיאן ווערט אלץ מעהר פערשארפט. די פראפעסיאנעלע פאראיינען דראהען מיט א גענעראל-שטרייק אין גאנצען לאנד.

אפגעווארפען גארגולאוו'ס קאסאציע

פאריז, 20 (ספ. טעל.) דאס קאסאציע-געריכט האט היינט אפגעווארפען גארגולאוו'ס קאסאציע געגען טויט-אורטייל איבער איהם.

ארעסטירט א פערדעכטיגען אין שפיאנאזש

ווארשא, 20 (טעלעפאניש)

אויפ'ן הויף פון דער מיליטערישער פאבריק פון ראדיא-מכשירים, אויף ראטושאווא גאס האט מען נעכטען ארעסטירט א פערדעכטיגען דייטש, ארטור ליכטענשטיין, וועלכער איז געקומען קיין ווארשא אויף א טראנזיט-וויזע. ביים ארעסטירען איהם האט מען געפונען א פאטאגראפישען אפאראט מיט אויפנאהמען פון מיליטערישע אביעקטען.

די אויספארשונג דארף בעווייזען וואסערע אויפגאבען ליכטענשטיין האט געהאט אויסצופיהרען אין ווארשא.

באנק-אפערע אין פיעטריקאוו

(2) נעכטען איז אין פיעטריקאוו ענטדעקט געווארען אנ'אפערע אין דער דארטיגער קאאפעראטיווער באנק.

די מיסברויכען און מאכינאציעס איז בעגאנגען דער דירעקטאר פון דער דאזיגער באנק, דניאל לושטשאנאווסקי.

די גרויס און דעם ערך פון די מיסברויכען האט מען נאך דערווייל נישט פעסטגעשטעלט, אזוי אז מ'ווייסט נאך נישט ווי ווייט די קליענטען האבען דערביי געליטען.

די פערוואלטונג פון דער באנק און דער דירעקטאר ווערען צוגעצויגען צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט.

די באנק איז צוגעמאכט.

פאליציי פיהרט אנ'אויספארשונג.

יודיש טעאטער אין „פילהארמאניע"
פערבאנד-טרופע פון א. א. פ. אין פוילען. — אנפיהרונג: א. בעזמאז.
היינט, זונטאג, דעם 21-טען אויגוסט, 9 אווענד
מרים קאראלאווא'ס
סוקצעס – די גלענצענדע זעהר מעלאדישע אפערעטע
„רייזעלע פון כינע"
מיט 25 נומערן געזאנג און טענץ
מיט מרים קאראלאווא אין דער הויפט-ראלע.
ספעציעלער כינעזישער באלעט
מיט אנטייל פון ה' קאמבאראוו, וועלכער פיהרט אויס פענאמענאלע עקסצענטרישע טענץ.
פרייזען פון 50 גר. ביז 2 זל.

„SANATO"
כירורגיש-וועכנעריז-אנשטאלט
אגראדאווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
גינעקאלאגיש-וועכנעריז-אבטיילונג
ד"ר מעד. ש. אייגער, ד"ר מעד. י. בוים, ד"ר מע רייטלער-סוריאנסקא ד"ר מעד. וו. אייכנער
פרייז פאר א געבורט
אין 2-טען קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויפזיכט איבערן קינד ד"ר מעד. י. פאלאסאוו
כירורגישע אפטיילונגען ד"ר מעד. מ. קאנטאר.

לעטשניצע
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
17 זגיערזשער 17,
טעלעפאן 116-33
ס'נעהמען אן דאקטוירים פון אלע ספעציאליטעטען.
ד"ר גאלדשטיין-פאלאק, ד"ר יוסטמאן. ד"ר מ. קאנטאר, ד"ר ציגע, ד"ר ראקאווסקי, ד"ר ראזענצווייג, ד"ר רוזשאנער, ד"ר ווינבערג, ד"ר סטופעל. צאהן-ארצט גראדזיענטשיק-קאראשיאווא
ווי אויך וויזיטען אין שטאט.
רענטגען-בעשטראלונגען, קווארץ, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, און ערצטליכע אנאליזען.

חדר „תורה ודת"
עם גן-ילדים
פל. וואלנאשטשי (נייע שטאט) 6
מאכט בעקאנט דאס נאך א גרינדליכען רעמאנט ווערט דאס חדר צום נייעם שול-יאהר פולשטענדיג רעארגאניזירט און פערפולקאמט אויף אלע געביטען פון למודי קודש און למודי חול.
איינשרייבונגען פון נייע תלמידים אויפ'ן קומענדיגען שול-יאהר 1932/33 אין אלע מחלקות ווי אויך אין גן-ילדים (פרעבעל-שול) קומען פאר יעדען טאג פון 9–1 בייטאג.
עלטערן! פערשרייבט אייערע קינדער אין חדר „תורה ודת", וואו סווערט געלייגט גרויס אכט אויף דער ערציהונג און דרך-ארץ'דיגע אויפפיהרונג און ס'ווערט געלערנט דורך מלמדים ספעציאליסטען תורה ודרך ארץ און אלעס, וואס א יודיש קינד דארף צו וויסען!
קינדער פון 4 ביז 8 יאהר ווערען אהיים-געפיהרט דורך א ספעציעלען מענש.
צוליב'ן קריזיס – הנחה-פרייזען.

אלע דארפען וויסען
אז די פירמע
פערדער זגערזשער 7
ליטאמיערסקא 2 און זגערזשער 20
איז די איינציגע קוועלע, וואו מען קריגט צום ביליגסטען צו קויפען
דאמען- און מענער-היטען
פון די נייעסטע פאסאנען און מאדערנסטע קאלירען, און גלייכצייטיג ווערט אנגענומען צו איבערפאסאנירען מענער- און דאמען-היטען פון גאר אלט אויף גענצליך ניי און אלעס צו ביליגע פרייזען און רעעלע בעהאנדלונג.
געדענקט די אדרעסען!

Dr. med REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 20193
ספעציאל-ארצט פאר מענער-שוואכע-בעהאנדלונג
קינדערלאזיגקייט און סעקסועלע בעראטונגען
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אן פון 8 — 11 פריה און פון 5 — 8 אווענד
זונטאג און יום-טובים פון 9 — 1 בייטאג.

סאוויעטיש-אמעריקאנער פערשטענדיגונג

סענסאציאנעלע קלאנגען וועגען געהיימע אונטערהאנדלונגען

לאנדאן, 20 (ספ.)

אין דער לאנדאנער צייטונג „דיילי מייל" האט זיך בעוויזען א העכסט-סענסאציאנעלע ידיעה אז ס'פיהרען זיך געהיימע אונטערהאנדלונגען צווישען דער ראטען-רעגירונג און דער רעגירונג פון די פעראייניגטע שטאטען אז די לעצטע זאל אנערקענען די ראטען-רעגירונג און מען זאל שליסען אנ'אפמאך וועגען געגענזייטיגער הילף.

די צייטונג פערזיכערט אפילו, אז די אונטערהאנדלונגען זענען אויף א גוטען וועג, און ס'איז זעהר מעגליך ס'זאל געשלאסען ווערען א סאוויעטיש-אמעריקאנישער בלאק.

די פעראייניגטע שטאטען פאדערן בעיקר, אז די ראטען-רעגירונג זאל אנערקענען די פארמלחמה-דיגע רוסישע חובות, וואס קומט אמעריקאנער בירגער, די ראטען-רעגירונג זאל אין פרינציפ, אפילו מסכים זיין דערויף נאר עס גייט בלויז אינ'ם אופן פון בערעכענען זיך. די ראטען-רעגירונג וויל ארויסלאזען אבליגאציעס אויפ'ן אמעריקאנער מארק און איז מסכים פאר א העלפט געלד פון די אבליגאציעס צו קויפען אמעריקאנער סחורות. א חוץ דעם זאל די ראטען-רעגירונג פאדערן א בעדייטענדע רעדוקציע פון די פאר מלחמהדיגע חובות.

די נאהנטסטע וואכען זאל סטאלין האלטען אין ראדיא א רעדע, וועגען דער מעגליכקייט פון א סאוויעטיש-אמעריקאנישער פערשטענדיגונג.

קלארא צעטקין ערנסט קראנק

זי וועט נישט עפענען דעם רייכסטאג

בערלין, 20 (ספ.) מען איז מודיע פון מאסקווע, אז קלארא צעטקין איז זעהר קראנק געווארען. זי וועט דעריבער, ווארשיינליך, נישט קענען זיך בעטייליגען אין דער עפנונגס-זיצונג פון דייטשען רייכסטאג.

שטאט-טעאטער, ציגעל-גאס 27
יודיש-דראמאטיש טעאטער אין פוילען
XVII יאר ווילנער טרופע
דיר. מ. מזאה.
היינט, זונטאג, ד. 21-טן, 9 אווענט
„ארעמע מלוכה"
דראמע אין 4 עקטן פון ה. לייוויק.
רעזשי: נאך י. ראטבוים. | דעקאראציעס: נאך א. פראנאשקא.
בילעטן צו בעקומען אין קאסע פון שטאט-טעאטער פון 11—2 מיטאג און פון 7 אוונט.

Dr. med.
LUDWIK RAPEPORT
אוראלאג
ספעצ. פאר נירען, בלאז- און אורין-קראנקהייטען
האט זיך איבער-געצויגען אויף ציגעל-גאס 8 (פריהער 40) טעל. 236-90.
עמפפאנגס-שעה'ן פון 9–10 פריה און 6–8 אוו.

יודען וועלכע גלויבען אין שדים

אוז ווארטען יעדען שבת אויף אליהו הנביא

(ענדע פון דער 6-טער זייט)

אימפעט. אט אין דער רגע, ווען די וואסער'ען בלייבען שטעהן (ביי אונז שפאלט זיך דעמאלט דער הימעל)... קאן מען זיך אויסבעטען ביי גאט אלץ, וואס מען וויל, מען דארף נאר צוטרעפען פונקט אין דעם ריכטיגען מאמענט און ארויסזאגען שנעל דעם פערלאנג....

דער יום-טוב פון פריהלינג איז גראד נישט אזוי סטאק. די פייערונג בעשטעהט אין דעם, וואס אזוי פייערט אין די פיינסטע יודישע דערפער איז דאגע-גיך ווי די ערשטע שפראצען פון פריהלונג בעווייזען זיך, געהען די מיידלעך אוועק אין וואלד מיט געזאנג און טענץ און פלעכטען זיך קרענץ פון די ערשטע בלימעלעך און צווייגלעך. באכדעם קלייבען זיך צונויף גרויסע בינט מיט מאך און אלטע טרוקענע צווייגען און שלעפען עס צוריק אין דארף אדער אין שטאט אריין מיט געזאנג און טענץ. ביי-נאכט צולייגט מען גרויסע פייער'ען פון דעם מאך און די צווייגען און די מיידלעך טאנצען ארום די פייערען.

פון חתונה-מנהגים ביי די בארג-יודען וועלען מיר נאר דערמאהנען דעם מנהג „ראך-בורי" (איי-בערהאקען דעם וועג). וועלכער קומט פאר צוויי חדשים פאר דער חתונה. דער חתן קומט דעמאלט בעצאהלען פאר זיין כלה די לעצטע אויסקויף-געלד צו דער כלה'ס פאטער. פון דעם טאג אן, גלויבען זיי, איז זעהר געפעהרליך פאר דעם חתן אדער דער כלה צו געהן אליין אדער פאהרען אהן בעגלייטונג. בעזונדערס אין א פינסטערער נאכט. חתן-כלה ווערען דעמאלט יאקבי פערפאלגט פון שינאדן (שדים) וועלכע פערגינען נישט די מענשען קיין גליק, און סטארען זיך דעריבער זיי צו צושיידען, פערפיהרען און מאכען זיי משוגע. דעריבער לאזען די עלטערן פון חתן-כלה זיי נישט אפ פון פלעק. די כלה בעהאלט מען און מען לאזט קיינעם נישט צו צו איהר פאר די גאנצע צוויי חדשים, ביז'ן טאג פון דער חתונה.

אלע ברית'ן ווערען געפראוועט אין בית-המדרש. דער מוהל איז געוועהנליך דער רב, וועלכער איז אויך דער שוחט. דער חזן, דער דיין איז דער מלמד. צו זיין, אגב, אזא „כל-בו" אין דאגעסטאן, דארף מען פונדעסטוועגען קיין צו גרויסער למדן נישט זיין, אויב איינער קאן נאר א פרשה חומש, אביסעל תנ"ך און א פאר בלאט גמרא, בעקומט ער לייכט סמיכות אויף רבנות.

עס געפינען זיך דארט אויך איינציגע רבנים, וועלכע האבען געלערנט אין פערשידענע ישיבות אין ליטע. זיי זענען אבער נאר געצעהלטע עטליכע און געפינען זיך אין די שטעט. אין דערבענט, טאשקאלא און אנדערע.

דער פערמיטלער-פערבאנד, לאדז, פיעטריקאווער 41 מאכט בעקאנט, אז ביי אונז אין פעראיין קען מען בעקומען פערשידענארטיגע וואוינונגען און פאבריקס-לאקאלען. אלץ ווערט שנעל און פינקטליך ערלעדיגט. צו ווענדען אין פערמיטלונגס-פערבאנד פיעטריקאווער 41. 4909

צו דינגען און פערדינגען פערשידענע וואוינונגען אין אלטע און אין נייע הייזער מיט אלע בעקוועמליכקייטען אויף מאנאטליכע דירה-געלד, גערוועלבער, געשעפטס- און פאבריקס-לאקאלען. מעבלירטע צימערן, הייזער, ווילעס, פלעצער הוז פערשידענע פרייזען. יעדער קויפט און פערקויפט. נאר דורך דער ביורא „לאקום" פיעטרקאווער 79 פראנט 2 שטאק, טעל. 164-29 וואס ערלעדיגט פינקטליך און סאליד דאס ביורא איז טעטיג פון 8 פריה ביז 8 אווענד, איבפארמאציעס אהן בעלוינונג.

ווערקשטעל פון שירמס און שפאציר-שטעקענס

ס. פייגענבוים,
לאדז, בארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען- און מענער-שירמס און שטעקנס צו האנקורענץ-פרייזען.
נעמט אן צו רעפערירען פון שירמס און שטעקנס

א פאר בעטען (מאטיווע) מיט מאטראצען ביליג צו פערקויפען. צו ערפאהרען פיעטריק. 33, אויפ'ן 2-טען הויף, פארטער.

PORADNIA WENEROLOGICNAZ
פון דאקטוירים-ספעציאליסטען
זאוואדזקא 1.
נאר פאר וועגערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען.
קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-סאבינעט לאסמעטיק.
– – טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. – – פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכמ. נעמט-אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען.
זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.
– בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען
וויזיט 3 זל.

קויפט נור פון די 1-טע קוועלע

גרויסער אויסוואהל

שפאצירוואגענס
אייזען - ניסעל-
בעטען
מאטראצען
ספרענזשינאווע „Patent"
ווירזשימאטשקעס אמעריקאנער
צו בעקומען אין פאבריקס-לאגער

„DOBROPOL", Łódź
Piotrkowska 73 (אין הויף)

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-
קראנקהייטען, בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע

אנדזשעיא 5, טעל. 159-40

נעמט אן פון 8–11 און פון 5–9 אוו.
זונטאג און יום-טוב פון 9–1 פארמ.
בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען

צוריקגעקעהרט
Dr. med. Fischer

אינערליכע או קינדערקראנקהייטען
עלעקטריע
נעהמט אן פון 9 - 10 און פון 5—8 אבענד
ul. Andrzeja 2
פאר אונבעמיטעלטע לעמשניצע-פרייזען.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

פריוואטע

א קוואליפיצירטע האנדנייהערין און א מא-
שינערין און א לערן-מעדעל קענען זיך מעלדען
צו סווימערס, קאמיענא 18, 2-טער טויער, 3-טער
שטאק, וו. 54. 4981

א קאפעלושען-מאכער-געזעלען (טרעסירער)
און א לערן-מעדעל צו דאמען-קאפעלושען ווערט
געזוכט ביי י. שווארצבערג, פיעטריקאווער 50
אינ'ם הויף. 4912

עס ווערט געזוכט א קירזשנער-געזעלן. אפער-
טען אין אדמינ. אונטער קירזשנער-געזעלן. 4980

א האנד-נייהערין צו הויזען - וועסט ווערט
געזוכט פון זאפארט פאמארסקא 53, 3. איינגאנג
1-טער שטאק. 4962

ס'ווערען געזוכט קירזשנער-געזעלען, ווי אויך
מייזלער און אויספארטיגערינס פון זאפארט ביי
א. קלאר, נאוואמיעסקא 8. 4975

ס'ווערען געברויכט ארבייטערס צו דאמען
שטרימף צו Korona און Maksim מאשינען ווי
אויך צו שקארפעטען ווענדע פלאטיר מה יפית
זגערזשער 13 פראנט, 2 שטאק, וו. 17.

לאקאלען

איבערצוגעבען א שעהן ליכטיג זוניג צימער
1 שטאק ביים גרינעם מארק. ביליג דירה-געלד,
ביי פערצאוויטש, זשעלאזנא 34. 4968

אנ'ארט צו ש. אפען פאר איין יונגערמאן אין
א בעזונדער צימער, פראנט 1-טען שטאק, ווסכאדי-
ניא 56, וואלינוגג 6 4963

צו פערדינגען א קעלער מיט א קאנצעסיע
ווי אויך צו פערקויפען איין שפיל - מאשין, 10
שפינדעל מיט פאראפין און א מאטאר 1¹/₄. צו
ערפארען ביי בלוהשטיין, שוו. יאקובא 7. 4961

איבערצוגעבען פון זאפארט א וואוינונג
ס'קען אויך זיין אויף א געשעפט אין בעסטען
צענטרום פון שטאט, צו ערפארען אגראדאווא 3 ביי
א. ווייגבערגער, פון 1–4 און פון 8–10 4967

אכטונג! צו פערדינגען א שאפע, וואס איז
געווען 30 יאהר א מעבעל געשעפט גלובנא 67,
צו ערפאהרען ביים וועכטער. 4878

פערשידענעס

Auto półciężarowe, kryte „Renault", 1,5 tonowe na chodzie okazyjnić do sprzedania. Dzwoniś 231-14 w godzinach biurowych. 4969

פאר קינדער שול=עלטער

עמפפעהלען מיר:

וועש, שירצען,
שיך, שקארפעטן,
שטרימף א.ז.וו.

איז א גרויסע אויסוואהל
צו די נידריגסטע פרייזען.

מיר מאכען אויפמערקזאם דער געעהרטער קונדשאפט אויף אלע
ווידזעווער אויסארבייטונגען,
הויפזעכליך פון מארקע O K, פון דער ביז איצט אונבעוואוסטער
העכסטער קוואליטעט, ווי אויך אויף דעם אויסשליסליכען
פערקויף פון רעשטלעך בראק אין סעקונדא 4965

KONSUM
PRZY „WIDZEWSKIEJ MANUFAKTURZE" S.A.
ROKICIŃSKA 54. Dojazd Tramwajami 10 i 16

GIMNAZJUM MĘSKIE

Tow. Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów
w Łodzi, Pomorska 46-48, tel. 106-64.

איינשרייבונגען פון די קאנדידאטען נעהמט אן דער סעקרעטאריאט
פון גימנאזיום טעגליך פון 9–13.
איינטריטס-עקזאמענס הויבען זיך אן דעם 1-טען סעפטעמבער.
ביים גימנאזיום עקזיסטירען די קל. A, B, C
שכר-למוד אין די איינטריטס-קלאסען בעטרעפט 25 זל. מאנאטליך.
DYREKCJA.

ביליגער ווי איבעראל

אויפ'ן זומער-סעזאן פעלד-
בעטלעך פון אייגענער אויספאר-
בייטונג. לעזשאקעס, האמאקעס,
קינדער-בענקעלעך, אייזערנע צו-
לייג-בעטלעך, מאטראצען. ספארט-
וועגעלעך צו פאבריקס - פרייזען
עמפפעהלט

KRAJOWA CENTRALA ŁOZEK
66 Piotrkowska 66

פאדערט איבעראל די בעוואוסטע פעלד-בעטען מיט
דער פירמע „CENTRA"
בעמ.: כ'בארג אויס בעטלעך אויף זומער-וואוינונגען.

וויכטיג פאר לאדז און פראווינץ!

מצבות פון 30 זל. אן

ביז צו די טייערסטע גראניט-דענקמאלען
איהר איך אויס ביליג און סאליד. אויף וואונש
בעזוך איך די ג' קונדשאפט אויך אויף דער פראווינץ
קומט און איבערצייגט אייך!

מיט אכטונג פירמע „GRANIT,"
לאדז, פאמארסקא 39. 8313

יעדער איינציגער

האט זיך אי-
בערצייגט,
אז פאר
מעבעל
דיוואנעס, פעלצען, נייה-מאשינען, גארדעראבען אז"וו
צאהלט די העכסטע פרייזען
א. ווייצמאן שענקעוויטש 23
טעלעפאן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען גענוצטע
מעבעל אין גוטען צושטאנד צו פערקויפען.

Dr. HELLER

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע
קראנקהייטען און מענער-שוואכע
האט זיך איבערגעצויגן אויף
טראוגוטא 8, טעל. 179-89
נעמט אן ביז 10 פריה און פון 4—8 אווענד, פאר פרויען
פון 4—5 נאכם. אין א ספעציעלען ווארטע-זאל.

זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט. אהן א מעסער און
אהן בלוט-פערגיפטונג פאר קראנקע אויף פילעס
פאר מענער, ווייבער און קינדער. פערשידענע
קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאזט אייך נישט, ווייל
דער ווינקעל-בראך ווערט גרויס
אזוי ווי א מענשען-קאפ, אדער אזוי
ווי א וואסער-קאפ און עס פאלט אריין
אין דעם פיס און דער קראנקער איז
אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען
די קישקעס ווערט ער בראנדיג און
שטערבליך. ספעציעל געבענע הייל
באנדאזשען אויסגעצייכענט גוט דורך
גרויסע פראפעסארען סיט מיינע בע-
האנדלונג און פון דייטשע פראפעסאר
דאקטאר בראכירצווינד בעווייזונגען זיכער דעם שווערסטען און געפעהר-
ליכסטען ברוך. אויך פאר הויקערס, לייטונגען מיט הייל-גארטעלען אין אפא-
ראטען פאר ערקרומטע פוס און פלאטס-פוס. ספעציעלע איינלאגען און די שיך
קינסטליכע גלידער פוס אין הענד, גלטענע זאקען, פאר די גרעסטע קראנקע
אדערן. עמפאנגט פון 9 ביז 1 בייטאג און פון 3 ביז 7 אין אווענד

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאס פערזענליכע ערשיינען פון די קראנקע איז אונבע-
דינגט נויטיג. הויפטמאן האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-
פראפעסארען: פראפ. ד"ר בעראנטש, פראפ. ד"ר י. מאריש-
לער, פראפ. ד"ר בר. קיפראנאווסקי און אויך אנדערע.
מיר נעהמען אויך אן פערזיכערטע פון דער קראנקען-קאסע.

דאנקזאגונג.

דערמיט דריק איך אויס מיין בעסטען דאנק דעם גרויסען ספעציאליסט
ה' ד"ר. י. ראפאפארט, וואוינהאפט אין לאדז, וואלטשאנסקא 10
פאר זיין גענצליך אויסקורירען מיך פון א שווערער ברוך-קראנקהייט.
היינט פוהל איך מיך גענצליך געזונד.
א קראהן, רב.

Samochody
moto i cykle używane
Kupno, sprzedaż, komis
zamiana.
Auto-Agencja
Gdańska 82 tel. 189-28
4971

Dr. med. N. Rozen
סטאמאטאלאג (צאהן-כירורג)
Andrzeja 7, tel. 216-57
צוריקגעקעהרט
4950

KOMUNIKAT.

Wobec tego, że niektóre składy, prowadząc węgiel opałowy różnych kopalń sprzedają takowy za znany ze swej wysokiej jakości Węgiel Warsz. Tow. Kopalń

„KAZIMIERZ" — „JULJUSZ"

komunikujemy, iż jesteśmy **jedynymi** odbiorcami wyżej wymienionych kopalń dla wozowej sprzedaży z bocznic przy stacji Łódź-Fabr. i że zobowiązaliśmy się na składy nasze węgla opałowego z innych kopalń nie sprowadzać.

Firmy posługujące się nieprawnie nazwą wyżej wspomnianych kopalń będą ścigane sądownie. 450

Składy Opałowy tel. 147-60	**ABRAMOWICZ i WODZISŁAWSKI** Kilińskiego 66	Bocznice kol. tel. 147-60
Składy Opałowe tel. 144-93	**BOLESŁAW NEUGEBAUER** Węglowa 9	Bocznice kol. tel. 144-93.

Z PRAWAMI GIMNAZJÓW PAŃSTWOWYCH
Zeńskie Gimnazjum Tow. „KULTURA"
Łódź, Wólczańska Nr. 123 (tel. 174-85)

Zapisy kandydatek do wszystkich klas gimnazjum przyjmuje sekretarjat codziennie od godz. 10-ej do 1-ej w południe. **Opłaty niskie.** Za dzieci pracowników państwowych czesne wpłaca Skarb Państwa.
Dyrektorka: **H. Manugiewiczowa.**
Równocześnie sekretarjat przyjmuje zapisy do prywatnej szkoły powszechnej Tow. „Kultura" – opłaty od 15 do 25 złotych. 4964

דר. מעד. בערמאן
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07.
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקה.
מענער-שוואכע בעהאנדלונג א. סעקסועלע בעראטונגען
נעהמט אן פון 8–11 פריה און פון 4-8 אווענד,
זונטאג פון 9-1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע—לעטשניצע-פרייזען

Dr. med. W. Eychner
אקושעריע און פרויען=קראנקהייטען
וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4
(נעבן קינא „משארי") טעל. 134=72
נעהמט אן פון 2¹/₂ – 4 און פון 7 – 8 אווענד

Dr. med. H. LUBICZ
ספעצ. פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7, טעל. 141-32
צוריקגעקעהרט.
נעמט אן פון 8–10 פריה, פון 12–2 נאכמ. און
פון 5–8 אווענד. זונטאג פון 9–11 מי:אג. 4634

Dr. med Haltrecht
ספעציאל=ארצט פאר הויט=
און געשלעכטס=קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245=21
נעמט אן פון 9 ביז 11 פריה, פון 1 ביז 2 מיטאג
און פון 5–9 אווענד. זונטאג פון 10–1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע - פרייזען.

צאהן=ארצט
St. Gelberg
זאוואדזקא 14, טעל. 108-33
צוריקגעקעהרט

LEK. DENT.
SZPERLING
Zawadzka 1, tel. 143-06
powrócił.

אבאנעמענט-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט צושטעלען אין אויסלאנד – 8 זל. [illegible]
פאר'ן אינהאלט און [illegible] די אדמיניסטראציע איז אפען ביי[illegible]
אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער [illegible] 8 [illegible]
אין טעקסט—40 . . . 4 . . . 60— . . .
נאכ'ן טעקסט—12 . . . 8 . . . 18— . . .
[illegible] 50 [illegible] 100 [illegible] 10— [illegible]

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Rzeszotowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. [illegible]
Czcionkami i Arch. „Najer Folksblat", Piotrkowska [illegible].